STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09231

DI ZUN HINTER MIR

Yosef Papyernikov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאַפּיערניקאָוו

*

די זון הינטער מיר

י. פאפיערניקאָוו



די זון הינטער מיר

פארלאג י. ל. פרץ ישראל

1961

I. PAPIERNIKOW
DI SUN HINTER MIR

Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv

י. פּאַפּיערניקאָוו
די זון הינטער מיר

פאַרלאַג י. ל. פּרץ
תל־אביב, רח׳ אלנבי, 31

הילע: דוד שניאור

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1961

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

אינהאַלט

די היים פון מיין וויג

מיין משפחה 13
היימפרעמד 14
דער קוואַל פון מיין אומעט . 16
ביים טאַטנס טיש . . . 17
דערפאַר, ווייל... . . . 18
כ׳קאָן שוין נישט מער . . 19
דער מאַמעס שלאָף . . . 20
דעם טאַטנס שלאָף 21
טאַטע־מאַמעס צער . . . 22
צו טאַטע־מאַמע 24
אַ היים אַזאַ... 26
קאָן זיין... 27
כון טאַטנס בריוו 29
טרויעריק 30

אינדרויסן

ווינטער אין שטאָט 33
שנייגעוויטער 35
פייזאַזש 37
אַ זונפאַרגאַנג 38
נעכט 39
שפעט־נאַכט אין שטאָט . . 41
אַ מאַמע מיט אַ קינד . . 43
נאָכן טויט פון אַ קינד . . 44
נאַקטורן 45
אַ הירש 46
געוויין פון אַ בלינדן . . . 47
אַ הונט, וואָס פירט אַ בלינדן . 48
קאַרו 49
די צוועלף אַפּאָסטאָלן . . . 51
טויבן, ביינאַכט אויף אַ בוים . 52

ביימער

אַ ווערבע 55
אונטער ווייגענדיקע ווערבעס . 56
אַן אַלטע סאָסנע 57
אַן אַלטע פּאַלמע 58
ציפּרעסביימער 59
דער איילבערטבוים . . . 60
דער אייקאַליפּטוס . . . 61
דער טייטלבוים 62
קינדער אויף אַ פייגנבוים . . 63
אַן עפּלבוים 64
אַ בוים ביי אַ פּלויט . . . 65
אַ ביימעלע הינטערן פענצטער . 66
ביימער אין שטאָט, ערב פרילינג . 67
אַ בוים אין הויף 69
אַן אַ גערטנער 70

פון ליבשאַפט

צו אַ מיידל 73
זי... 74
איך און זי 75
איך נעם דיך מיט . . . 76
שוין לאַנג 77
כ׳וואָלט וועלן 78
דיין ליכט 79
קום אַריין 80
ווייַן פון קעלטער א. . . . 81
„ ב. 82
„ ג. 83
דער טויט פון מיין יונגסטן ליד . 84

ביי מיר

מיט אַ ליד 87
קלאַנגען און פאַרבן . . . 88
פול 89
געהער 90
צייטיק צער 91
לעבן מיינס 92
אַ טאָג פון טעג 93
* * * 94
ס'איז שווער 95
ביין שטערן 96
ציט נישט קעמלען 97
פאַר מיין פענצטער . . . 98
צו יענעם קעמל 99
אין גאָלדיק־גרינעם ליכט . . 100
ס'האָט יעדער זיין ברונעם . . 101
אויסגעטרוקנט 102
אַ טרויעריקע אידיליע א. . . 103
אַ טרויעריקע אידיליע ב. . . 104
„ ג. . . 105
ס'האָט עמעץ 106
גרעסער 107
מיד 108
אין אַ וואַלד 109
אַ זייגער 110
מיין האַרץ איז... 111
אויף יעקבס לייטער . . . 112
נישט מיינע 113
אַ גרויסע וועלט 114
הינטער מיר 115
מיין ליד איז... 116
עס גייען אויס 117
האַרבסט ביי מיר 118
מיין ברענענדיקע וועלט . . 119
רו 120

לידער אויפן דאַך

גימל אויף גימל 123
אין דרייען 124
צום ווינט אויפן דאַך . . . 125
דער ים פאַר מיין פענצטער . . 127
מיין דאַך — אַן אינדזעלע . . 128
דער קלאַגפויגל 129
פייגל אין פענצטער . . . 130
מיין טויבנשלאַק 131
טויבן 132
נישט ווי די טייבעלעך . . . 133
נייעט פונעם הימלרייך . . . 134
דעם אַכטן טאָג 135
ווייבער אויפן דאַך . . . 136
דער לעצטער שכן 138

רעגנבויגן־טויערן

יידיש 141
אין וואַרטשאַכט 142
אין זיך 143
ביי די רעגנבויגן־טויערן . . 144
אַזאַ מחנה 145
צער 146
ווען 147
פון וואַלד 148
מיט זיך 149
מיטן שטראָם 150
קלאַנגען־טויכער 151
לידער זענען קינדער . . . 152
אַ דיכטער — אַ קינד . . . 153
ס'האָט יעדער זיין וועלט . . 154
מיינע לידער, מיינע קינדער . . 155

* * *

מיטן אויסנאָם פֿונעם ערשטן ציקל לידער א. נ. „די היים פֿון מיין וויג" און פֿון נאָך עטלעכע איינצלנע לידער — איז די גאַנצע לידער־זאַמלונג „די זון הינטער מיר" — אַ טייל פֿון מיין ליטעראַ־רישן אָנוווּקס פֿון די לעצטע יאָרן — אָנהייבנדיק פֿון 1948.

דעם ציקל „די היים פֿון מיין וויג" — געשריבן אין וואַרשע און אין תל־אביב — האָב איך א. נ. „היימווי" געדרוקט אין יאָר 1947, אין מיין בוך „געקליבענע לידער" — אַרויסגעגעבן פֿונעם איקוף־פֿאַרלאַג אין ניו־יאָרק. צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע היימלידער האָבן לויט מיין שפּעטערדיקן איינזען, נישט געהאַט אין יענעם בוך דאָס פּאַסיקע אָרט — האָב איך זיי פֿון דאָרט אַרויסגענומען ווי פֿון אַ „פּראָוויזאָריש קבר" און זיי געגעבן די אייביקע רו — אין דער נייער לידער־זאַמלונג „די זון הינטער מיר". אגב, האָב איך אין עטלעכע פֿון זיי געמאַכט געוויסע אויסבעסערונגען און, פֿאַרריכט אין זיי פֿעלערן, וועלכע איך האָב בשעתו געהאַט פֿאַרזען.

צוליב די זעלבע סיבות האָב איך אינעם איצטיקן בוך נאָכאַמאָל אָפּגעדרוקט די לידער: „נאָקטורן", „צייטיק צער", „דער טויט פֿון אַ קינד", „אין זיך", „רו" און די צווייווינטער־לידער: „ווינטער אין שטאָט" און „שנייגעוויטער", וואָס געשריבן האָב איך זיי אין וואַרשע, אין יאָר 1930, און זיי שפּעטער אָפּגעדרוקט אין איינעם פֿון מיינע אַליין־אַרויסגעגעבענע קליינע לידער־זאַמלונגען — מיט איבער צוויי צענדליק יאָר צוריק, בעת כ'בין צוליב מיין גרויס פֿאַרלעגנהייט מיט מיינע פֿאַרלעגענע לידער — געוואָרן אַ פֿאַרלעגער...

דאָס ליד „קאַרו״ (ווּיסטעניש) און דאָס ליד „די צוועלף אַפּאָס־טאָלן״ — ווי מען רופט אין קייפּטאַון די צוועלף בערג פון די קייפּס, ביים ים — האָב איך געשריבן אין יאָהאַנעסבורג, אין יאָר 1952, בעת מיין באַזוך אין דרום־אַפריקע.

עטלעכע ווערטער וועגן דאַטעס:

נישט ווי איך בין זיך ביז איצט נוהג־געווען, און נישט ווי מען איז זיך בכלל נוהג — גיב איך דאָס מאָל נישט אָן די דאַטעס ווען די לידער זענען געשריבן־געוואָרן — מחמת, כ׳בין געקומען צו דער מסקנה, אַז דאַטעס דאַרף מען אָנגעבן נאָר אונטער יענע ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס זענען געבונדן מיט אָרט און מיט צייט פון אַ באַשטימטער תקופה; שאַפונגען, וואָס זייער היינטיקע אַקטואַליטעט קאָן מאָרגן שוין זיין געשיכטע...

מען דאַרף אויך אָנגעבן דאַטעס אונטער ווערק מיט וועלכע דער שרייבער שליסט אָפּ אַ תקופה אין זיין שאַפן.

עס זענען, מיין איך, אַבסאָלוט נישט נייטיק קיין דאַטעס אונטער יענע ליטעראַרישע שאַפונגען (איבערהויפּט אונטער לידער), וואָס ליגן, טעמאַטיש, אויסער די גרענעצן פון אָרט און צייט.

דאָס נישט אָנגעבן די דאַטעס קאָן בלויז זיין אַ שטערונג פאַר יענע קריטיקער און רעצענזענטן ביי וועמען אַ דאַטע אונטער אַ ליד, איז דער „שליסל״ צום ליד און צום דיכטער גופא...

י. פּ.

עס העלפט נישט דאָס שפּילן, די מאַסקע, דער גרים —
עס בייט זיך דאָס פּנים; עס בייט זיך די שטים,
די פאַרב פון די אויגן; די פאַרב פון די האָר,
נאָר — ס'קומט מיטן האַרץ קיין פאַרוואַנדלונג נישט פאָר, —
מ'ען גייט נישט אַרויס פון דער אייגענער הויט,
מ'ען בלייבט וואָס מען איז — פון געבורט ביזן טויט.

די הײם פון מײן װיג

מיין משפחה

מיין משפּחה איז אַ וואַלד פון ביימער אַלערליי:
דער טאַטע — אַ דעמב,
די מאַמע — אַ סאָסנע,
די פעטערס זענען אַלשינעס,
די מומעס — יאָדלעס,
און מיר, די קינדער — קלאַנגדיקע ווערבעס.

שטענדיק, ווען עס טוט דער דעמב אַ קרעכץ —
צעוויגט די סאָסנע זיך,
און באַלד נאָך איר — די יאָדלעס און די אַלשינעס,
די ווערבעס טרייסלען זיך
און ציטערן פאַר שרעק,
און — ס׳רוישט דער וואַלד מיט ערב שטורעם
איבער אַלע קעפּ.

א.

אינדערהיים פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער —
דערזען האָב איך די וועלט; באַקענט דאָס לעבן
פון וואַנען כ׳האָב גענומען מײַנע לידער,
און דערנאָך — זיי טרויעריק צוריקגעגעבן.

אינדערהיים פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, —
ווי יעדער האָט געהאַט זײַן פּײַן־מגילה —
פאַרפאַסט האָב איך מײַן אײגענעם אַ סידור,
מיט אַן אייגענער־פאַרפאַסטער תפילה.

ב.

כ׳האָב תפילה־געזאָגט, אינדערהיים, אויף מײַן אייגענעם שטייגער:
בלחש, מיט ליפּן וואָס האָבן זיך קוים ווי באַוועגן,
אַ תפילה אין זיך, אינדערטיף פונעם אייגענעם נפש,
אַ טיף וואָס מען קאָן נאָר באַלייכטן מיט אייגענע אויגן.

כ׳האָב תפילה־געזאָגט פאַר דער שיינקייט, וואָס גאָט האָט געשאַפן
(ווען גאָט האָט געוווינט נאָך אין אַלץ און אין יעדן באַזונדער),
ווען כ׳בין פאַרן לעבן געשטאַנען — אַ הירש קעגן יעגער —
מיט פחד פאַר יעטוועדן סוד און פאַר יעטוועדעס וווּנדער.

ג.

מיין היים — אַ וועלט מיט סודות און מיט וווּנדער,
און ס׳גרעסטע וווּנדער איז געווען אין איר די פרעמד,
וואָס האָט געהאַלטן אַלעמען באַזונדער —
פון אייגן פלייש און בלוט — דערווייטערט און פאַרשעמט.

ווייל ס׳האָט די היימפרעמד ווייטיקלעך געשריגן
פון יעדנס פרעגנדיקע אויגן — אויף באַשייד, —
האָט יעדער, אומפאַרענטפערט, שווער געשוויגן
און שטום געטרענקען זיך אין אייגן ים פון לייד.

דער קוואַל פֿון מײַן אומעט

מײַן היים איז געװעזן דער קוואַל פֿון מײַן אומעט און טרויער,
דער ברונעם, וואָס האָט נישט דעם דאָרשט מײַנעם, שטילן געקענט,
די אָפענע תּפיסה ווו כ'האָב נישט געפֿונען דאָס טויער —
צו קאָנען אַרויס פֿון די ענגע פֿאַרחושכטע ווענט.

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פֿינף ברידער — אינאײנעם
האָט יעדער באַזונדער, פֿאַרשלאָסן בײַ זיך אין דער צעל —
אַן אויסוועג געזוכט, און נישט רעדנדיק קיינער צו קיינעם —
אַ שפּאַן נישט אַריבערגעגאַנגען דער אייגענער שוועל...

אַזוי, האָט פֿאַרפֿרעמדט, אינדערשטום, יעדער איינער געליטן
און קיינמאָל — זיך איינער צום צווייטן, מיט עפּעס געווענדט;
אַזוי, זענען אַלע געוואַקסן פֿאַרזעגט און פֿאַרשניטן,
און ס'האָבן זיך אָפּטמאָל געשלאָגן אַכט קעפּ, אַן אַכט ווענט.

ביים טאַטנס טיש

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער.
ס'איז מיטאָג. אַכט טעלער, אַכט לעפל, ווי רידער,
אַכט קעפּ, ווי די אַנקערס — ביי יעדן געבויגן,
פאַרזונקען אין זיך, מיט פאַרנעפּלטע אויגן.

מ'זיצט אַרום טיש — ווי ס'וואָלט קיינער געזעסן,
מ'עסט — ווי ס'וואָלט יעדער אַליין זיך געגעסן,
אַליין זיך דאָס האַרץ מיטן מעסער געשניטן,
ווי יעדער וואָלט וועלן זיין אָפּגרונט פאַרשיטן...

און שווער, ווי אַ שטיין — איז ביי יעדן דער ביסן,
מ'קאָן נישט צעקייען, וואָס יעדער וויל וויסן
און פרעגט עס ביי זיך, אין פאַרביסענעם שווייגן:
— פאַרוואָס, בלוט פון בלוט, איז זיך פרעמד און נישט אייגן.

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער.
נאָך מיטאָג — צעגייט מען ווי אורחים זיך, ווידער
צוריק אין אַכט וועלטן; צוריק אויף אַכט ימען,
וואָס ברענגען אין שטורעם, אַכט שיפלעך צוזאַמען.

ווייל ס׳האָט נישט דער טאַטע, באַצייטנס, דאָס פֿעלד זיינס צעאַקערט,
ווייל ס׳האָט נישט דער טאַטע, באַצייטנס דאָס פֿעלד זיינס פֿאַרזייט,—
דערפֿאַר, האָבן שפּעטער, די קינדער, דעם ווינט נאָר געשניטן,
און שטענדיק געהאַט אויך בדוחק, דאָס טרוקענע ברויט;

דערפֿאַר, האָבן שפּעטער, די קינדער, אויף ווינטיקע וועגן
געלאָזט זיך — פֿון קיינעם געפֿירט — ווי פֿאַרלוירענע שאָף,
און האָבן אַזוי, מיט די טריט, מיט די ערשטע אין לעבן —
נאָך יונגע — דערזען שוין ביים אָנהויב, דעם ראַנד פֿונעם סוף.

און איך, וואָס בין קינדווייז פֿאַרשאָלטן-געווען מיטן פּילן
ביז פֿאַרפּילן אַלץ, וועגן וואָס מען האָט אויך נישט גערעדט:
בין, ווערנדיק איינזאַם און שטום, אין מיין היים אין מיין קאַלטער —
געוואָרן פֿון אומעט, פֿון טרויער און צער — אַ פּאָעט.

כ׳קאָן שוין נישט מער

— כ׳קאָן שוין נישט מער! — האָט דער טאַטע געזאָגט,
און צו ווייזן ווי שווער ס׳איז די לאַסט, וואָס ער טראָגט —
פאַרריסן די אויגן, צום הימל געווענדט,
און פונאַנדערגעקרייצט די פאַרהאָרוועטע הענט.

— כ׳קאָן שוין נישט מער! כ׳האָב גענוג אייך געדינט!
און — די הענט, ווי צוויי פליגל, צעבראָכן פון ווינט —
אַראָפּגעלאָזט שווער, אין זיין אייגענער וועלט,
און געשטאַנען, ווי ס׳וואָלט זיך אַ מיל אָפּגעשטעלט.

חלומט זיך מיין קראַנקער מאַמען, יעדע נאַכט, דער טויט.
זי וויינט פון שלאָף, און ס׳קלאָגט איר קול, ווי ווייט און אומבאַקאַנט,
און אַלע כאַפּן מיר זיך אויף דערשראָקענע, פון שלאָף,
און זעען: ס׳נעמט דער טאַטע איר פון האַרץ־אַראָפּ, די האַנט.

ווערט שטילער נאָך ווי ס׳איז געווען, און אומהיימלעך אַזוי,
ווי נאָר־וואָס וואָלט מען מען פון דער שטוב אַרויסגעפירט אַ מת;
און אַז מיר שטייען אויף, נישט אויסגעשלאָפענע, די נאַכט —
דערזעען מיר פאַר זיך דעם טאָג, ווי אונדזער גרויסן נס...

דעם טאַטנס שלאָף

שלאָפט שוין דער טאַטע נישט רואיק אַדורך זיינע נעכט,
עס וועקט אים כסדר פון שלאָף דאָס געשריי פון דער נויט,
און כ'הער ווי ער זאָגט מיט אַ קרעכץ צו דער מאַמען: ס'איז שלעכט!
און ווינטשט זיך, אַז — איידער אַ לעבן אַזאַ־אַ — דעם טויט.

און ס'טרייסט אים די מאַמע: ס'וועט בעסער זיין, שלאָף שוין, ס'איז שפּעט!
און ווידער דערטרינקט און פאַרזינקט אַלץ אין פינצטערניש טיף,
ווי יעדער וואָלט שווימען אין שלאָף, אויף אַ הוידנדיק ברעט —
מיט מורא, אַז אונטערגיין זאָל נישט די שטוב, ווי אַ שיף.

שלאָפט נישט דער טאַטע. אינדרויסן — באַגינען שוין באַלד.
עס בלאָזט און — ער קרעכצט, ווי אים וואָלטן די כוחות פאַרלאָזט,
און ס'דאכט מיר: ס'איז ווינטער; עס קנאַקט־ווו אַ דעמב אין אַ וואלד
און פאַלט מיט אַ דונער — אַנידערגעלייגט פונעם פראָסט.

טאַטע־מאַמעס צער

ליגט די גראַקייט אויף דער מאַמען,
ווי אַ פּרעסטעלע אַ ווייס,
און דעם טאַטנס באָרד און פּאות
הענגען נאָך, ווי צעפּלעך אייז, —
גייען זיי אַרום און קרעכצן:
אַלט־געוואָרן פאַר דער צייט!
נישט דערלעבט די פרייד פון זען כאָטש
איינס פון אַלע זעקס, אַ „לייט".
קוק איך, קוק אויף טאַטע־מאַמע,
און דאָס האַרץ טוט ווײ פאַר זיי,
פאַר די בלאָע אויגן מיינע,
דאַכט זיך, שיט און פאַלט אַ שניי,
יאָ, אַ שניי, כאָטש ס׳איז ערשט פרילינג,
און דאָס ערשטע בליעכץ פאַלט;
קוק איך, קוק אויף טאַטע־מאַמע
און — עס לאָזט די זון מיך קאַלט,
עפּעס פיל איך זיך ווי שולדיק
קעגן זיי — אין זיי צער,
און איך מייד די בליקן זיירע,
די דערשלאָגענע, דערפאַר.
בלייב איך אָפּט אַזוי פאַרלוירן,
אינדערהיים ביים פענצטער שטיין,
און באַנעם ,דערפיל מיט איינמאָל,
וואָס עס הייסט אַזוינס פאַרגיין;
כ׳שטיי און וויקל אויף די ווייטקייט,
וואָס עס ליגט שוין הינטער מיר,

קום צוריק צו יענער קינדהייט,
וועלכע קריכט אויף אלע פיר,
שטעלט זיך, פרווט זיך, פאלט און הייבט זיך,
און — די ערשטע גרויסע פרייד,
וואס עס האבן טאטע-מאמע,
אז עס גייט שוין, יא, עס גייט,
ס'וואקסט דאס נחת, און צעוואקסט זיך,
ווי א יונג-פארזעצטע פלאנץ,
ניין, עס גייט נישט, נאר עס לויפט שוין,
ס'לויפט נישט, ס'דרייט זיך שוין אין טאנץ,
דרייט זיך, דרייט זיך און — פארדרייט זיך,
ווי א יונגער הירש אין וואלד...
און א שאס האט אויפגעוועקט מיך:
בין איך דרייסיק יאר שוין אלט?!
דרייסיק יאר שוין — דרייסיק הירשן —
קוים פון טויט זיך אויסגעדרייט —
גיי, און זיי א טרייסט דעם טאטן;
גיי, און זיי דער מאמעס פרייד...
ליגט די גראקייט אויף דער מאמען,
ווי א פרעסטעלע א ווייס,
און דעם טאטנס בארד און פאות
הענגען נאך, ווי צעפלעך אייז.

צו טאַטע־מאַמע

ס'האָט זיך פֿון מיין יעדן חלום „אויסגעלאָזט א טייך" —
האָב איך, טאַטע־מאַמע מיינע נישט קיין טרייסט פֿאַר אייך.

כ'ווייס — נישט איין נאַכט, האָט איר מיר געהאָלפֿן חלומען,
און געהאָפֿט צו זען מיך אין א זיידן העמדל, ווען.

ס'האָבן שכנים וועגן מיר, מיט אייך אַמאָל גערעדט,
אַז מען שמועסט — כ'וואַקס א „לייט", א שרייבער, א פּאָעט. —

און פֿאַרשטאַנען האָט איר נישט: פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס אַזוי
זענען מיינע אויגן נעפּלדיק און פֿול מיט ווײ.

און פֿאַרוואָס איך שווייג אַזוי, אומהיימלעך שווער און שטום,
גיי אויף אַלץ און אַלעמען, א ברוגזער אַרום.

און מיך פֿרייט נישט, וואָס מען לייענט שוואַרץ אויף ווייס, מיין ליד,
און עס וואַקסט אויך, מיט מיין רום, דער טיפֿער טרויער מיט.

נישט פֿאַרשטאַנען האָט איר נאָך א סך, פֿון אייער קינד,
ווען מען פּירות ס'קלאַפּט איצט פֿונעם בוים אַראָפּ, דער ווינט.

נישט פֿאַרשטאַנען, אַז ווען ס'האָט מיין לירע זיך צעשפּילט —
האָב איך שוין געהאַט דעם גורל מיינעם, פֿאַרגעפֿילט;

האָב איך שוין פֿאַראויסגעזען, ווי צוויי מאָל צוויי, איז פֿיר —
אַז עס וואַרט אין מאָרגן נישט קיין ראָזע פּערד אויף מיר...

כ׳האָב געוווּסט, אַז דיכטער, הייסט: זיין איינער פון אַ סך,
וועלכער וועט זיך נישט צונויפרעדן אויף קיין שום שפּראַך.

און געוווּסט, אַז דיכטער זיין, הייסט: זיין אין טאָל אַ קוואַל
און אַ שטיין, וואָס וואַקסט, — געשלאָגן פון אַ וואַסער-פאַל. —

האָב איך, טאַטע-מאַמע מיינע, נישט קיין טרייסט פאַר אייך. —
ס׳האָט זיך פון מיין יעדן חלום „אויסגעלאָזט אַ טייך״...

אַ היים אַזאַ...

ווער ס'האָט געהאַט אַ היים אַזאַ ווי איך,
אַ קינדהייט אַט אַזאַ, ווי איך אין איר —
נאָך דעם וועט שווין אַ לעבן לאַנג אַזוי,
דער טרויער נאָכגיין, ווי ער גייט נאָך מיר;

דער וועט, ווי איך — דאָס גאַנצע לעבן שוין
אַרומגיין מיט אַ נישט־פאַרהיילטער וווּנד,
און זיך אַליין אַרומלעקן פון איר
דאָס בלוט, דאָס טריפנדיקע — ווי אַ הונט.

קאָן זיין...

קאָן זיין, קאָן זיין, אַז אין דער וויג נאָך
האָט מען מיך געלערנט זיין אַליין,
און פרי מיך אויפגעהערט צו וויגן און פאַרוויגן,
און אַ נישט-אַנטוויינטס —
געלאָזט מיך שעהן קייכן פון געוויין,
ביז כ'פלעג אַ מידס, אַ העשענדיקס —
אָן כוחות בלייבן ליגן —
איינגעשלאָפן מיטן שטומען הייסן, קינדישן באַגער —
ווען אויף די אייגעלעך די רויטע
האָט געפּערלט און געלויכטן נאָך די טרער...

קאָן זיין, קאָן זיין —
האָט קיינער נישט געזען ווי איך, אַליין,
אַ קריכנדיקער קראַט אויף אַלע פיר —
האָב פּלוצלינג זיך אַ שטעל-געטאָן
און אָנגעהויבן פאַלנדיק צו גיין,
און ס'האָט די מאַמע מיר נישט אויסגעשטרעקט די אָרעמס,
נישט גענומען פּאַטשן מיט די הענט, פאַר פרייד
און נישט צעשריגן זיך פאַר גליק:
— עס גייט שוין! ס'גייט!

און ווי ס'איז קיינער נישט געווען ביי מיינע ערשטע טריט —
אַזוי האָט קיינער נישט געהערט פון מיר די ערשטע רייד;
אַזוי האָט קיינער נישט געהערט פון מיר דאָס ערשטע ליד,
דאָס ליד פון שווערגעמיט —
נאָך נישט צעבליטערהייט.

אַז כ'האָב דאָס ערשטע מאָל, ווי פרעמד, פאַרלאָזט די היים —
האָט קיינער מיך צום וועג אַרויסבאַגלייט,
האָט קיינער מיר די ברכה אויפן וועג נישט מיטגעגעבן:
שטילקייט האָט פאַרמאַכט נאָך מיר די טיר,
ווען ס'איז אַרויס מיט מיר, די שוועסטער — איינזאַמקייט,
פאָראויס, געגאַנגען איז, די אומבאַקאַנטע ווייט,
פון הינטן האָט מיר נאָכגעקוקט באַדויער,
דער שאָטן איז געגאַנגען, ווי אַ קנעכט אַ שוואַרצער
ביי דער זייט,
און פעסט צום האַרץ, האָב איך געדריקט
דאָס קינד מיינס: טרויער.

פון טאַטנס בריוו

פון טאַטנס בריוו האָב איך געזען:
סוף־האַרבסט אין וואַלד פון מיין משפחה:
אויף צעצווייגטע קעפּ, ווי שפּינען־נעסטן —
ליגט די גראַקייט, ווי אַ דינער מעל־שטויב אין אַ מיל,
און שיטערלעך זעט אויס דער וואַלד —
כאָטש מען האָט אים נישט געהאַקט,
נאָר בלויז אויף איבערפלאַנץ —
פון דאָ און דאָרט, אַ בליענדיקן בוים אַרויסגענומען.

לייען איך און לייען ווייטער —
זע איך: ערשטער שניי־פאַל;
וואַלד איז ווי אַ זילבערנעץ צעהאַנגען
אויף די פרירנדיקע בלאָע הימל־ראַנדן;
קראָען פליען איינער נאָכן צווייטן —
מיט געהיימער, שוואַרצער פרייד אויף פליגל,
און דער שניי, ער הערט נישט אויף צו שיטן,
שיט און שיט,
און לייגט זיך מיט דער לייכטקייט —
שווער, אויף מיין געמיט.

טרויעריק

ווי טרויעריק שיטער עס איז שוין אין סאָד
פון מיינע אייגענע און נאָענטע,
ווי טרויעריק שיטער!
וויפל ביימער ס׳פעלן שוין אין אים —
אָ, גאָט מיינער!
ס׳באַפאַלט אַ פּחד —
וויפל ס׳האָט די עלטער זיי אָוועקגעלייגט שוין,
וויפל ביימער — קראַנק פון אים אַרויסגעפאַלן,
ווי עס פאַלן קראַנקע ציין פון מויל אַרויס,
און וויפל שטורעמס — זיי, געזונטע, בליענדיקע —
מיט דער פרוכט
און מיט די וואָרצלען —
פון דער ערד אַרויסגעריסן...

אָ, ווי טרויעריק שיטער עס איז שוין אין סאָד
פון מיינע אייגענע און נאָענטע!
ווי האַרבסטיק ס׳איז אין אים,
ווי ווינטיק מעלאַנכאָליש
ס׳פייפט אין אים די ליידיקייט,
ווי פון אַ פלאַש אַ ליידיקער —
אַ קילס, אַ שטילס, אַ ווייַנעדיקס,
אַ היימיש בית הקברותדיקס.
ווי טרויעריק!

אינדרויסן

ווינטער אין שטאָט

ווייס, ווייס, ווייס,
יום-טובדיק ווייס,
אַ ווייסער יריד היינט אין שטאָט, —
ס'האָט דער ווינט איבער נאַכט זיך געפּאָרעט,
און סוויסטשענדיק, פריילעך — פונאַנדערגעוויקלט
די ריזיקע באַלעמס מיט ווייסע געוועבן
פון צפון געברענגטע,
און ברייט — זיי פונאַנדערגעלייגט און צעלייגט
איבער אַלץ,
און אויף אַלץ.

שטייען הייכן מיט טורעמס און שפּיצן צום הימל,
ווי ריזן געגאָסן אין זילבערנע פּאַנצערם, —
געאָרעמט מיט בייכיקע קלויסטער-קופּאָלן,
וואָס קוקן ווי זקנות געהילט אין פּאַטשיילעס
אַראָפּ אויף די דעכער, די ווייסע, —
פון הייזער, ווי שיפן אין האַפן.

אַ ווייסער יריד.
נאָר וואונדערלעך שטיל איז:
מען הערט נישט די טריט פון די גייער,
וואָס טרעטן אויף טעפּיכער ווייסע,
פונאַנדערגעראָלטע אויף שטיינער און ברוקן
צעלאָפן אין קרייץ פון די גאַסן.

ס'איז יום־טובדיק שטיל,
נאָר דער טאָג, האָט צעשריגן
זיין גרויסע און בלענדיקע ווייסע עשירות:
— האָ! זעט ס'אָרע אויסוואַל
איך גיב עס אומזיסט היינט!
— זעט, בענדער און טאַשמעס
און שנורן מיט כוואַסטן;
— זעט, ליילעכער, טיכער
און ציכלעך צו קישנס;
— זעט, לייוונט צו העמדער,
און דינע וואָלן,
און כלה־באַדעקנס —
צעלייגט און צעהאָנגען
אויף טעלעגראַף־דראָטן,
אויף גזימסן, באַלקאָנען,
קאַרניזן און זיילן —
נאָר ווייס, אַלץ! נאָר ווייס, אַלץ!
בחינם צו קריגן!

און ס'לייכטן געזיכטער און אויגן —
געוואַשן אין פּראַסטיקער פרישקייט
פאַרביי דורך די גאַסן —
אַנטקעגן דער בלאַנקער און פרידלעכער ווייסקייט.

שנייגעוויטער

פיו, ווי ס'יאָגט,
ווי ס'טראָגט
און שלאָגט
דער שניי אין פּנים, —
ווי עס וואָלטן טויזנטער טייוולאָנים,
וויים געהילט,
געקומען אָנצורייטן
פון די ווייטסטע, ווייסע ווייטן,
און פון אַלע וועגן,
און פון אַלע זייטן —
זיך אַ לאָז-געטאָן צעשאָטן
אין אַ טאַנץ אַ ווילד-פאַרשייטן:
שיטן זשמעניעס בלענדיק זילבערשטויב,
און גיבן זיך אין טאַנץ, געדיכטערהייט אַ הויב,
ווי זיילן צו קרישטאָלענע פּאַלאַצן,
יאָגן זיך,
צעשלאָגן זיך
און פּלאַצן,
הויבן ווידער אָן זיך צו צעשיטן
אין אַ ים פון ווייסע בליטן,
גייען איבער אין אַ קאַראַהאָד
און נעמען מיך אַריין אין מיטן
וויסן כישוף-ראָד,
פאַרשיטן שפּאַסיק מיר די אויגן,
צווינגען מיך, פאַר זיי, דעם קאָפּ צו בייגן,
זיך צו נורען, זיך צו טוליען,

און — די ווייסע חברה — הוליען,
שטשירען מיט די ווייסע ציינער,
לאכן אוים מיך:
— העי, דו מענטש! דו ביסט נישט איינער
ווען ס'האָט איצט אָנגעכאפּט א ציטער —
ס'איז ביי אונדז דער ווייסער יום-טוב — שנייגעוויטער.

פייזאַזש

א באַרג און אַ וועלדל, וואָס קלעטערט אַרויף
מיטביימער צעלאָפן, ווי הירשן אין לויף,
מיט צווייגן, ווי הערנער פאַרפּלאָנטערט, פאַרדרייט
און רויט פון אַ בלוטיקער זון, וואָס פאַרגייט
און פאַלט אין די אָרעמס פון וועלדל אַריין;
און ס׳וועלדל — פאַרשכורט פון ליכט, ווי פון וויין,
ווי ס׳וואָלט זיך געפּרייט מיט איר בלוטיקן פאַנג,
באַטרונקען שוין ביז אין־דער־העלפט פון פאַרגאַנג —
גייט אונטערגעצונדן, פון שטאַם ביזן שוים, —
אַ טאַנץ אַרום שייטער פון טאָג, וואָס גייט אוים.

אַ זונפאַרגאַנג

די זון האָט ביים אונטערגיין אונטערגעצונדן אַ הויז,
און, ס'שפּאַרט פון די פענצטער פון אַלע, די שריפה אַרויס,
עס שמעלצן זיך פלאַמיק די שויבן, אָן בראַזג, אָן געקלאַנג,
און ס'צינדן זיך אָן מיר די אויגן און ס'האַרץ — מיט געזאַנג,

געזאַנג צו דער זון, וואָס איז אויך ביי איר אונטערגיין גרויס,
וואָס ראַנגלט זיך, גייט ווי אין בלוט אינעם אייגענעם אויס
און — שטאַרבט אַזוי פייערלעך־פּאַרכטיק אין בלענדיקסטן טראַכט,
און פאַלט הינטערוויילעכץ אַריין אין דער שויס פון דער נאַכט.

נעכט

פאַראַנען נעכט ביי מיר — נאָך טיפערע פון נעכט,
און פינצטער זענען זיי — ווי אָפּגעלאָשן קויל,
און לאַנגע זענען זיי, די נעכט —
אַן אייביקייט מיט שרעק,
וואָס זייגט מיט שוואַרצע ברוסטן אָן
דאָס גרוילן־קינד: קאָשמאַר.

איך ליג אויף מיין געלעגער —
נישט איך שלאָף און נישט איך וואַך,
וויג זיך אינעם חושך,
ווי אויף כוואַליעס פון אַ ים,
ס׳טראָגט מיך ערגעץ־ווו אַוועק
אין דער אומענדלעכקייט,
וואָס כ׳שנייד מיט מיינע בליקן —
אינעם פּחד אויפגעבליצט...

איך טראָג זיך ווי אַן אָדלער,
און די שטילקייט שרייט מיר נאָך
מיט קולות פון דער גאַנצער וועלט —
פאַרשטיקט, ווי פון אַ תהום,
און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ס׳קרעכצט אַזוי
די קראַנקע מאַמע־ערד,
וואָס טראָגט אויף זיך די קינדערס שווערן גורל פונעם זיין.

איך הער זיך איין —
און מיינע אוירנפייקלעך פלאַצן אויף,
דער שטערן מיינער פיבערט, גליט
און — פלוצלינג — אייז אויף אים:
אַ קאַלטע שויב האַלט צו מיין קאָפּ
אין פענצטער פון דער נאַכט.

שפעט־נאַכט אין שטאָט

גאַסן,
געסלעך,
ברייטע,
שמאָלע,
גלייכע,
קרומע —
ליגן אין דער פינצטערניש צעלייגט,
און שלאָפן —
צוגעדעקט מיט שוואַרצן הימל.

הייזער — הויכע,
נידעריקע —
טוליען זיך צענויף אינאיינעם,
נעמען ווי מיט הענט אַרום זיך,
לענען אָן זיך איינס אָן צווייטן,
שלאָפן שטייענדיקערהייט.
און וויגן זיך פאַר מידקייט.

פאַרלאָשענע און צוגעמאַכטע,
מיט אַראָפּגעלאָזטע וויעס —
קוקן הייזער־אויגן שלעפעריק מיר נאָך
פון אַלע זייטן
און — פאַרלירן מיך...

עס האָט אַ הויז אַן אויג געעפנט,
אָנגעגאָסן זיך מיט פייער,
און אויף מיר געגומען קוקן
בייז, מיט פאָרוואורף אינעם בליק,
ווי כ׳וואָלט די רו געשטערט אים
אינדערשפעט פון נאַכט.

מאַכט דאָס הויז צוריק דאָס אויג צו,
און דאָס אויפגעוועקטע געסל
דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט
און פאַלט צוריק אַריין אין טיפן שלאָף.

אַ מאַמע מיט אַ קינד

וואָס ווייסט אַ קינד, אַז ס'איז פון זין אַראָפּ די מאַמע ?! —
שטייט עם און עם רייסט און צופּט זי פאַרן קלייד:
— אַ טרונק!
— כ'וויל ברויט!
און זי, די מאַמע, ווי זי וואָלט דערביי נישט זיין,
ווי צוגעמויערט צו דער מויער — שטייט
און גלאָצט מיט אויגן גלעזערנע
אין אָוונטיקער גאַס אריין,
ווי בלינד,
און שמייכלט תמ'עוואַט צו די פאַרבייגייער
און צו איר אייגן פרעמד-געוואָרן קינד,
וואָס בעט זיך: כ'וויל אַ טרונק!
— כ'וויל ברויט!
און צופּט זי פאַרן קלייד,
און שלעפּט זי פון דער וואַנט,
און ציט, ווי ביי אַ פליגל אַ צעבראָכענעם —
איר שווערע, שלאַבריק-נאָכגעלאָזטע האַנט.

נאָכן טויט פון אַ קינד

ס׳האָט אַ מאַמע דערציילט מיר,
דערציילט וועגן טויט פון איר קינד
און — געטרערט,
און איך — בין געזעסן, ווי פאַר־זיך געקוקט
און — געהערט,
ווי רייד זענען שטילע, ווי טרערן, געפאַלן ביי איר,
און האָבן זיך שווער, ווי אַ וואָלקן
אַראָפּגעלאָזט טיף איבער מיר,
און איך — האָב אַלץ טיפער געבויגן דעם קאָפּ
און — געהערט,
און דערזען מיטאַמאָל, נעבן זיך
אויסגעוואַקסן אַ בערגעלע ערד,
אַ בערגעלע ערד פאַר די פיס מיינע,
פריש נאָך, צעגרינט,
און עס גלעט און עס שפּילט זיך מיט בלעטלעך
און גרעזלעך — דער ווינט.

נאָקטורן

שפּעט אין נאַכט.
עמעץ האָט אין גאָרטן־הויז אַ פענצטער צוגעמאַכט,
און האַסטיק, אויפגערעגט, עס צוגעקלאַפּט,
ווי פּאַרן אָנקומען פון אַ געוויטער;
ס׳האָט אַ שויב געטאָן נערוועז אַ ציטער,
און דער גאָרטן האָט פון טיפן שלאָף זיך אויפגעכאַפּט
באַאומרואיקט פון עמעצנס אַ סילועט,
וואָס זיין פּנים האָט זיך פונדערנאַכט אַרויסגעבלייכט,
און זיך אייליק אין דער פינצטער דורכגעשלייכט,
און מיט זוכנדיקע טריט, דעם וועג געטאַפּט.

ס׳האָט דאָס גאָרטן־טירל מיט אַ סקריפּ זיך אויפגעעפנט,
און אַ שאָטן איז אויף יענער זייט געבליבן שטיין,
בלאָנדזשענדיק אַרומגעקוקט זיך,
אָנגעהויבן גיך צו גיין,
און פאַרשווונדן ערגעץ אינדערנאַכט...

נאָר דער גאָרטן איז שוין רואיק נישט געשלאָפן:
אַ שווערקייט, האָט די שטילקייט צוגעדריקט,
און ס׳גאָרטן־טירל — אָפן —
האָט דער ווינט אַ גאַנצע נאַכט געוויגט...

אַ הירש

ס'האָט אַ יעגער פאַר ווײַלטאָג געשאָסן
און פון ערגעץ געצילט און געטראָפן,
און אַ הירש האָט מיט בלוט זיך באַגאָסן,
און פאַרבלוטיקט — געלאָפן, געלאָפן...

ר'איז געלאָפן אין וואַלד אינעם גרינעם
און אין קרייז פונעם טויט זיך געטראָגן,
אויפגעהויבן אַ ליכט־שטויב אַ דינעם,
זיך דעם קאָפּ אָן די ביימער צעשלאָגן;

און אין לויף מיטן הילך אין די אוירן,
אינעם פּלאָנטער פון צווײַגן, ווי קנאָכן —
די צעבראָכענע הערנער פאַרלוירן,
און אינגאַנצן זיך אונטערגעבראָכן.

ווי מיט שקיעה'דיק רויט אין די אויגן,
און מיט בלוט־פּייכטע נאָזדרעס באַוועגטע, —
האָט ער דין זײַנע פיס אויסגעצויגן,
ווי פיר ביימעלעך אונטערגעזעגטע.

געוויין פון אַ בלינדן

כ'האָב געהערט אַ בלינדן וויינען,
אַ געוויין אָן טרערן, —
וועל איך שוין דאָס גאַנצע לעבן,
דאָס געוויין זיינס, הערן.

ס'איז געווען נישט קיין וויינען,
נאָר אַ הינטיש קלאָגן
אין אַ טיפער, טיפער
אויסגאַנגלאָזער נאַכט געטראָגן;

הינטיש נאַכט־געוואָי —
אין סאַמע מיטן טאָג אין העלן —
ווען עס זענען גאָלדענע
געלעגן טרעפּ און שוועלן;

ווען די זון האָט אַלץ און אַלעמען
אין ליכט פאַרטרונקען —
איז געשטאַנען מיטן קאָפּ
אין פינצטערניש פאַרזונקען.

ביי אַ וואַנט — אַ בלינדער
און — געוויינט, געוויינט אָן טרערן,
אַ געוויין, אַזאַ,
וואָס כ'וועל שוין ס'גאַנצע לעבן הערן.

אַ הונט, וואָס פירט אַ בלינדן

אַ הונט וואָס פירט אַ בלינדן —
איז דער הינטישסטער, דער טרויעריקסטער הונט,
פון וועמענס אויגן ס'טריפט מיט מענטשלעך צער,
ווי אייטער פון אַ בלוטנדיקער וווּנד. —

דערפאַר איז גרוים דער צער אויך אויפן הונט —
דער פירער פונעם בלינדן באַלעבאָס,
וואָס זעט אים נישט, נאָר פילט אים נעבן זיך
נאָך נידעריקער, ווייכער פונעם גראָז.

ער זעט נישט, נאָר ער פילט, זיין באַלעבאָס,
ווי ס'קוקט זיין הונט אריין אים אין געזיכט
און זוכט דערין אַ ביסל וואַרעמקייט,
און זוכט אין זיינע בלינדע אויגן — ליכט.

נאָר, ווי אַ ציפערבלאַט איז זיין געזיכט;
אַ ציפערבלאַט, וואָס האָט קיין ווייזער ניט,
נאָר ער, דער הונט, פאָראויס אין בלינדנס שפּאַן —
ער גייט, און ס'גייען נאָך אים, בלינדע טריט.

אַ הונט וואָס פירט אַ בלינדן —
וועט אויף קיינעם נישט אַ ביל־טאָן מיט פאַרדאַכט, —
ווייל ס'טרעט אים יעדער אָפּ דעם וועג, בעת
ער פירט ביים שיין פון טאָג — דעם האַר פון נאַכט.

קאַרו

פון יאָהאַנעסבורג ביז קייפּטאָן —
טויזנט־מייליקער קאַרו,
וואָס די באַן נאָר שניידט, צעשניידט אים —
זוכנדיק אַ ישוב וווּ.

שמחים וויקלען זיך פונאַנדער —
אַ געמעל נאָך אַ געמעל
פון פאַרוואָרלאָזטקייט און ווילדקייט —
אויסגעשפּרייט, ווי טיגרעס־פעל;

מעסט די באַן זי, לויפיק, אייליק,
ווי פאַרבלאָנדזשעט אין אין־סוף,
און דערווישט אַ קליינע סטאַציע,
און דערווישט אַ סטאַדע שאָף,

עטלעכע באַוווינטע הייזקעס,
ליימיק רויט און ליימיק געל,
רויכלעך גראָע פון די דעכלעך,
שוואַרצע טירן אָן אַ שוועל;

שטעלט די באַן פון צייט צו צייט זיך,
כאַפּט אַ ווייל דעם אָטעם אָפּ,
לאָזט אַ פּאַסאַזשיר אַ שוואַרצן
אין דער וויסטעניש אַראָפּ;

נעמט זיך אָן מיט פרישן כוח,
טוט אַ ריס און אײַלט זיך צו —
ענדלעך, זיך אַדורכגעריסן
דורכן ענדלאָזן קאַרו.

„די צוועלף אַפּאָסטאָלן"

צופֿוסנס די צוועלף אַפּאָסטאָלן
ביים ברעג פֿונעם אינדישן ים, —
עס לאָזט זיך די שיינקייט נישט מאָלן
מיט ווערטער אין ליד און אין גראַם.

עס ווילט זיך אַ שריי־טאָן מיט ווילדקייט,
נאָר ס׳נעמט דיך די שיינקייט אַרום,
באַרויִקט דיך דווקא מיט מילדקייט
און ווערסט איינגענומען און שטום, —

ווי ס׳זענען די צוועלף אַפּאָסטאָלן,
די צוועלף מאַיעסטעטן פֿון קייפּ,
וואָס הייבן זיך איבער די טאָלן,
מיט איינעם אַ קאָפּ פֿון אַ לייב;

מיט קעפּ אויך פֿון אַנדערע פֿאָרעמס
פֿאַררייסן אין הימל אַריין;
זיי האַלטן דעם ים אין די אָרעמס
און לאָזן אים ברוגז נישט זיין.

טויבן, ביינאַכט אויף אַ בוים

נאַכט.
עס שלאָפן טויבן אויף אַ בוים. —
זיי ליגן אויף די צווייגן אויסגעלייגט,
ווי קוילן נישט-צעגאַנגען שניי
און — לייכטן ווייס אַפער
פון צווישן שוואַרצן בלעטער-צודעק.

שלאָפן זיי אַזוי
און וועקן אויף אין מיר ס׳געפיל
פון צער און מיטלייד:
טויבן שלאָפן אויף אַ בוים!
ווו איז זייער טויבנשלאַק?
קאָנען טויבן דאַכלאָז-זיין,
ווי מענטשן און ווי גאַסנהינט?!

זיי שלאָפן נישט, די טויבן,
נאָר זיי דרעמלען, דרעמלען,
ווי געוועקט וואָלט זיי דער עלנט
און די קעלט פון טוי,
וואָס פאַלט, ווי רעגן —
אין דער זומערנאַכט, דער טראָפּישער.

ביימער

אַ ווערבע

געבויגן, געבויגן — אַריבערגעבויגן
האָט זיך אַ ווערבע־בוים איבערן טייך,
אַריבערגעבויגן זיך —
צוואָגן דעם קאָפּ דעם אַלט־מוידישן,
און מיט אַ פּוס, ביז די קני —
אינעם וואַסער אַריין.

שטייט זי אַזוי, נישט אַהין, נישט אַהער,
מיטן גרינעם צעפּלאָכטענעם שויבער אַראָפּ,
אַזוי ווי זי וואָלט זיך געשעמט פאַרן שפּיגל
פון וואַסער, וואָס שפּיגלט זי אָפּ קאָפּ־אַראָפּ.

נאָר ס'האָט שוין די ווערבע אַ מזל אַזאַ,
אַז דווקא פאַר איר שטעלן שיפלעך זיך אָפּ,
און ס'באַוווּנדערן זי —
ווער ס'האָט שיינקייט נאָר ליב,
און ס'באַוווּנדערן זי —
ווער ס'האָט איינזאַמקייט ליב.

אונטער ווייַנענדיקע ווערבעס

אונטער ווייַנענדיקע ווערבעס ביי די טייכן,
לאַכט דאָס לעבן ביז אין נאַכט אין שפּעטער:
ס'לאַכט די יוגנט, און פאַרליבטע דעקן
זייער ליבע צו מיט ווערבע־בלעטער...

אונטער ווייַנענדיקע ווערבעס ביי די טייכן,
וועבט די יוגנט פאַרביקע געוועבן,
און זי וואַרעמט אויס בסוד אַ חלום
פון אַ צוגעקומען ניי־געבוירן לעבן.

אַן אַלטע סאָסנע

האָט אַ סאָסנע, אין עלטער אין הויכער צעבליט —
זיך אַראָפּגעזעצט טיף, ווי צו תּפילה פאַרקניט
און — זי בליט אַזוי, קניענדיק,
קניט אַזוי, בליענדיק,
טראָגט אויפן קאָפּ נאָך די קרוין, די לאַנגאָניקע —
נאָדלדיק, גרין, ווי מיט ליכטלעך געצונדענע,
אָבער — שוין מאַטע, פון צייטן פאַרשוווּנדענע,
צייטן פון מאַכטיקייט,
צייטן פון פּראַכטיקייט,
צייטן מיט אייביקייט־שיינקייט פאַרבונדענע.

שטייט זי, די סאָסנע די אַלטע, אין לעצטן צעבלי —
אַראָפּגעזעצט, אָבער נאָך אַלץ נישט געבויגן,
נאָר אונטערגעשפּאַרט אויף אַ קנאָכיקער קני,
ווי עס וואָלט מיט דער קרוין זי, די ערד שוין געצויגן.

אַן אַלטע פּאַלמע

צווישן הייזלעך צוויי — אַן אַלטע פּאַלמע:
ווי פּאַרשעמט און אויסבאַהאַלטן —
שטייט זי אָפּגעבליט און וויאַלע,
אַ פאַרלאָזענע פון גאָט, פון מענטש און פויגל.

אירע צווייגן, וואָס איעדער בלאַט אויף זיי
האָט ווי אַ גרינער פעכער ברייט געפעכערט, —
האָבן ווינטן לאַנג שוין, לאַנג צעבראָכן —
הענגען זיי ווי הענט פאַרבראָכענע אין טרויער:

זי, די קעניגלעכע גרין-געקרוינטע פּאַלמע,
וואָס געהאַלטן האָט אַמאָל די זון אין שאָטן, —
שטייט אַצינד אַליין פאַררוקט אין שאָטן —
להוט נאָך אַ ביסל זון און וואַרעמקייט.

דערפאַר — איז אין די ווייַנענדיקע אָרעמס
פון דער קלאָגנדיקער פּאַלמע מיטן סאָווע־קאָפּ —
פאַראַן אַצינד אַ נעסט פון פלעדערמייז,
וואָס לויערן און וואַרטן אויף דער נאַכט.

ציפּרעסביימער

ווי אַרויסגעוואַקסן פון די גרינע קליידלעך —
שטייען צניעותדיק באַשיידן
שמאָלע ציפּרעסביימער,
ווי די כלה־מיידן
נאָכן צוואָגן זיך;
האָבן שטענדיק וואָס בסוד צו זאָגן זיך,
צו שווערן ביי דער זון,
ביי שטערן און לבנה —
שאָקלען זיי מיט די פאַרשפּיצטע קעפּ
ווי אונטער קאַפּישאָנען,
שאָקלען פרום מיט זיי אויף יאָ און ניין,
און בלייבן אַפּטמאָל אומבאַוועגלעך שטיין
פאַרזונקענע אין טרויער.

ס'האָט דאָס זיפצן פון אַ ציפּרעס נישט געהערט
און נישט פאַרנומען נאָך קיין מענטשלעך אויער.

דער איילבערטבוים

אשיק־גראָ, ווי נאָך אַ גרויסער שריפה —
שטייט ער דאַר־צעצווייגט מיט קנויליקן געפלעכט
און ס׳דאַכט זיך, אַז עס קאָן נישט זיין שוין ערגער,
ווי דער גורל צו אַ בוים אַזאַ איז שלעכט.

נאָר זיי, די גרינע און די שוואַרצע איילבערטן,
וואָס באַשיטן אים דעם קאָפּ געדיכט —
דערציילן עפּעס אַנדערש וועגן אים,
און וואַרפן אויף זיין שטאַם אַן אַנדער ליכט:

אַ ליכט פון גלאַנץ; אַ ליכט פון פיינעם יחוס,
סאַמע שמן־זית, סאַמע שמן זך,
אַן איידלבוים, אַן אַשיק־גראָער ענו,
אַ מסתפק, וועלכער גיט אַ סך.

דער אייקאַליפּטוס

ווי אַלעביימער — טרינקט דער אייקאַליפּטוס
פון די וואָלקנס גלייך, דאָס ברכה־וואַסער,
טרינקט, ווי אַלע ביימער, פרישן טוי;
ווי אלע ביימער זייגט ער פון דער ערד
און ציט אין זיך אַריין די קילע פייכטקייט,
אָבער, נישט ווי אַלע ביימער —
איז ער זיך מיט זומפּ מחיה,
טרינקט פון אים און טריקנט אים,
און פיבערט נישט מאַלאַריע־קראַנק,
נאָר בליט דערפון און וואַקסט דערפון
נאָך העכער און נאָך שטאַרקער אויס,
און שפּאַרט זיך מיט די ווייסע צווייגן —
ווי מיט הערנער אָקסענע —
צו לעכערן מיט זיי, פאַר דאָרשט, די הימלען.

דער טייטלבוים

אויסגעטיילט און אָפּגעזונדערט,
אויף זיין אייגענעם באַראַט —
וואַקסט דער טייטלבוים און גרייסט זיך
מיט דער גבורה וואָס ער האָט.

גרייסט זיך מיט דער הייך דער ווילדער,
מיטן פּעכבערדיקן קאָפּ,
מיט די טייטלען, וואָס זיי הענגען
פון סענקאַטן האַלדז אַראָפּ.

אויסגעקושט פון הייסע ווינטן,
אויסגעזויגן פונעם גרין —
וויגן זיי זיך ווי די לאַנגע
שנורן קרעלן פון בורשטין,

קעגן מידבר, קעגן וויסטקייט
ווי עס שרפהט, ווי עס פלאַמט —
אויף אַ בוים, וואָס שטייט אַ פעסטער,
ווי אַ העלפאַנטפוס אין זאַמד.

קינדער אויף אַ פייגנבוים

צו אַן אַלטן פייגנבוים, אַ קריפּל —
האָט אַ טשאַטע קינדער זיך גענומען:
קריכן אויף זיין לאַמען פּוס דעם קרומען,
קלעטערן אויף זיינע דאַרע צווייגן
און באַזעצן זיי, ווי פייגל אָנגעפלויגענע;
זיי נישטערן אויף זיי און זוכן פייגן,
וואָס זיי קאָנען נישט געפינען; —
ברעכן זיי די צווייגעלעך
די איינציקע, וואָס גרינען;
צופּן פייגנבלעטלעך
ווי מען צופּט דעם זיידנס באָרד די גראָע,
און דער זיידע איז געדולדיק:
האָבן קינדערלעך הנאה —
זאָלן זיי זיך שפּילן! —
צווישן קינדער קאָן אַן אַלטער אויבעט יונג זיך פילן...

אַן עפּלבוים

כ'זאָל נישט וויסן, אַז עס איז אַן עפּלבוים —
געמיינט וואָלט איך,
אַז ס'האָט אַ הירש, פון טויט געיאָגט —
פאַרלוירן דאָ די קרוין די גאָלדענע;
אַז וואַלדיק-ווילד-צעצווייגטע הערנער
האָבן ווי מיט שאַרפע פינגער
אין דער ערד זיך איינגעגעסן
און — גענומען שלאָגן וואָרצלען,
און גענומען מאָכיק גרינען
און — צו ווערן דין באַבלעטערט;
אָנגעהויבן געבן בליעכץ,
געבן קנאָספּן, ווי די פּיטום'ס,
און — צו געבן קליינע עפּל,
עפּל — גרינע, עפּל — האַרטע,
עפּל — ווי פּאָר יונגע ציינער
פון נישט רייפע איבערקלויבער...

אַ בוים בײַ אַ פּלויט

בײַ אַ מאָכיק־גרינעם פּלויט,
ליגט (װער װײס װי לאַנג שױן) טויט,
אַ בוים — אַ גוף אָן הענט, אָן פיס,
און שוואַרץ, װי קויל —
פון אַלטקייט און געפוילן.

צו װאָס מען האָט אַװעקגעלייגט אים —
בלייבט אַ סוד,
און ס׳װייס איין גאָט —
װי לאַנג ער װעט נאָך ליגן,
װי אַ שאָטן פון אַ בוים — ביים פּלויט,
װאָס בליט מיט גרינער מאָכיקייט,
מיט אַלטקייט און מיט טויט.

א ביימעלע הינטערן פענצטער

נאַכט, ווינט און רעגן —
עס עקט זיך די וועלט;
הינטער מיין פענצטער —
אַ ביימעלע ציטערט פון קעלט,
טרייסלט זיך, קלאַפּט מיט די צווייגלעך
אין שייבל אין מיין,
קלאַפּט, ווי מיט פינגער,
און בעט ביי מיר: לאָז מיך אריין!...

איך זע נישט דאָס ביימעלע,
כ׳הער עס און פיל עס נאָר אויס,
און ס׳איז, ווי צו אַלץ וואָס עס לעבט —
אויך צו אים דאָס רחמנות מיינס, גרויס,
און גרעסער דערפאַר — אויך דער צער,
וואָס איך האָב פון דער וועלט —
אַפילו, ווען הינטער אַ פענצטער
אַ ביימעלע ציטערט פון קעלט.

##ביימער אין שטאָט, ערב פרילינג

די זון איז שוין אַרויס פון איר פאַרוואָלקנט-זיין,
אַרויס פון איר פאַרהילונג,
און אין שטאָט, די ביימער, גרייטן זיך
צום אויפנעמען אַ ליבן גאַסט — דעם פרילינג:

גערטנער אַרבעטן אַרום די ביימערקעפּ,
עס לאָזט אַ דין געגרילץ פון שטאָל זיך הערן,
און באַבלעטערט — פאַלן, ווי די גרינע צעפּ
און גרינע לאָקן — צווייגן אונטער שערן;

בלייבן ביימער שלאַנקער און גראַציעזער שטיין,
ווי האַלב אַנטבלויזט, „אַלאַ גאַרסאָן" געשוירן,
פול מיט רייץ און יונגפרוילעכן חן,
און פול מיט ליבע-צוזאָג אין די אויערן...

ס'ליגט פאַר יעדן בוים זיין אָפּפאַל-בערגל גרינס,
ווי ס'וואָלט פאַר יעדנס גאָלע פיס געלעגן
ס'ווינטער-אָנטועכץ — צום איינטווישן אויף דינס
און לייכטס — צו קאָנען לייכטער זיך באַוועגן —

שטייען זיי אַזוי אין יעדער גאַס און סקווער —
פון לעצטן ווינטער-רעגן אויסגעצוואָגן,
יונג און אָנגעשטייפט, ווי ס'וואָלט אַ היים באַגער
פון זייער נאַקעטקייט אַרויסגעשלאָגן.

די זון איז שוין אַרויס פון איר פאַרוואָלקנט־זיין,
אַרויס פון איר פאַרהילונג,
און אין שטאָט, דיביימער, גרייטן זיך
צום אויפנעמען אַ ליבן גאַסט — דעם פרילינג.

אַ בוים אין הויף

...זיך אָוועקגעשטעלט אין ווינקל הויף, אַ בוים
אַן איינציקער, אַן אַלט-אַריינגעוואַקסענער אין זיך.
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס נאַקעטע,
און מיט אַ גאַר-נישקשהדיקן פּליך;

אָוועקגעשטעלט זיך בעטלעריש און — שטייט
הכנעהדיק און מיט אַ שטום געבעט,
נאָר וועמען קאָן עס אָנגיין אַזאַ בוים,
אַ נוטה-למות — אויסער אַ פּאָעט? —

בפרט, אַז פייגל מיידן אויך אים אוים
און שטעלן זיך אויף אים שוין מער נישט אָפּ,
די קינדער נאָר, פון הויף, זיי שפּילן זיך מיט אים
און קריכן אים כסדר אויפן קאָפּ...

און אויך די אַלטיטשקע פון הויף, פאַרזעט אים נישט,
זי ציט אויף זיינע צווייגן שטריקלעך אוים,
און הענגט דערנאָך אויף זיי פאַרוואַשענע —
די אַלטע שאַלאַמויזן אירע, נאָס אַרוים.

און ער, דער בוים אין הויף, — ער טוט נישט מער,
נאָר שפּייט די רעשטלעך בלעטער אָפּ פון זיך
מיט ביטערניש, און וואַקסט אַראָפּ, אַראָפּ,
און גרעסער וואַקסט אים אויפן קאָפּ דער פּליך.

אָן אַ גערטנער

מאַטלען

האָט אַ גאָרטן נישט קיין גערטנער —
איז אויף אים אַ גרויס באַדויער;
שטייט ער שטעכיק-ווילד פאַרוואַקסן,
ווי אַן אבל איז אין טרויער;

גיבן פרוכטביימער קיין פרוכט נישט,
זעען אויס, ווי די עקרות,
און עס שמעקט פון זיי מיט בליעכץ,
וואָס דערמאָנט אַ בית הקברות.

האָט אַ גאָרטן נישט קיין גערטנער —
שטייט ער הפקר, נישט געהיטן,
נאָר עס קומט אין אים נישט קיינער,
ווי מען וואָלט אים אויסגעמיטן;

ווייל עס ציט צו יענעם גאָרטן,
וואָס איז רייך מיט פרוכט באַלאָדן,
און מען קאָן פון אים בגניבה
רייסן — נישט צו זען דעם שאָדן.

פון ליבשאפט

צו אַ מיידל

זוכסט אַ שאָטן, מיידל? —
זעץ דיך נעבן מיר...
ס'קומט זעלטן צו צו מיר די זון —
אין קאַלטן פעלדזן-ווינקל
פון מיין לעבן.

ס'האָט נישט איינע אָפּגערוט שוין
ביי דעם שטילן אומרו
פון מיין קוואַל...

נישט איינע האָט איר שווערן בליק
אַראָפּגעלאָזט צו מיר אין אויג,
און פאַרלוירן אים,
ווי אַן אָפּגעבונדן פולן עמער
אין אַ טיפן ברונעם...

און נישט איינע איז אַוועק פון מיר
מיט ווינטיק-נאָכגעלאָזטע טריט,
און ווי אַ זעגל — אָפּגעשווומען
פונעם האַרטן ברעג —
אין ים, אין פרייען...

זעץ דיך, מיידל,
זעץ דיך נעבן מיר!...

זי...

איז זי עס אפשר די, אויף וועלכער כ׳האָב געוואָרט?
איז זי עס אפשר די, וואָס האָט דערוואָרט אויך מיך
און —ביידע, האָבן מיר געוויאָניעט און געדאָרט,
און וואַרטנדיקע, דאָרשטיקע — אַריינגעבליט אין זיך.

איז זי, די שטילקייט אפשר, וועלכע האָט דערהערט
דעם וויי-געשריי פון מיין נאָך-נישט-געבוירן ליד?
איז זי עס די, וואָס גאָרט ווי איך, ווי ס׳גאָרט די ערד —
נאָך טוי, נאָך אַקער-שאַרף, נאָך זריעה און נאָך שניט?

ס׳איז זיכער זי. ווען נישט — פאַרוואָס פאַרלירט זי זיך,
ווען זי געפינט מיך אומגעריכט, ווי נישט געזוכט,
און ציט אין אומרו אירן דאַן אַריין אויך מיך
און — בייגט מיך, ווי אַ צווייג מיט לאַסט פון פרוכט...

איך און זי

איך — האָב וואַרעמקייט געברענגט איר,
זי — האָט קעלט אויף מיר געווייעט,
און אַ גרויסע, גרויסע ליבע
האָב איך אויפן ווינט געזייעט;

אויפן ווינט — פאַר איר געזונגען
דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען,
נאָר דער שיר השירים מיינער,
צו איר הארץ, איז נישט דערגאַנגען.

גאָרנישט! — האָט זיך אָנגענומען
מיינס — אין פּאַראַדיז אין אירן,
וווּ זי האָט פאַר מיר געהאַלטן
אָפן, טויערן און טירן;

און דורך זיי — אַריינגעלאָזט מיך
טרינקען (נישט פון אַלע קוואַלן...),
און אין סאָד, געלאָזט מיך עסן
פּירות — נאָר פון די, וואָס פאַלן...

איך נעם דיך מיט...

איך פאַר שוין אַפּ. דו בלייבסט, נאָר — כ׳נעם דיך מיט:
פאַראייביקט האָב איך דיך ביי מיר אין ליד,
און בלייבסט ביי מיר אויף שטענדיק אַ געזאַנג
פון וואָרעמסטן, פון ריינסטן, דינסטן קלאַנג;
און זינגען וועל איך דיך — ווען איך אַליין
וועל פילן זיך, ווי דו — אי שיין, אי ריין,
און אומשולדיק, ווי ס׳קאָן נאָר זיין אַ קינד
אויף וואָס עס פאַלט קיין שאָטן נישט פון זינד.

שוין לאַנג

שוין לאַנג, שוין זייער לאַנג
ווי ז׳איז פֿאַר מיר פֿאַרבייגעגאַנגען
מיט אַ דאָרשטיק היים געזאַנג
און — ס׳זענען מיינע אויערן ביז היינט
מיר פֿול נאָך מיט איר אָפּהילך פֿון געשאַל,
און מיט פֿונאַנדערפֿאַל
פֿון קלאַנגען אין אַ וואַלד,
ווי אַלץ, וואָס קומט אַריין אין אים — פֿאַרפֿאַלט.

כ׳וואָלט וועלן...

כ׳וואָלט וועלן זאָלסט בלייבן מיט מיר,
נאָר איך רעד דיך נישט צו;
אין מיינע פיר ווענט איז קיין זיכערס נישטאָ,
מיין אָרעמע, דו!

אין מיינע פיר ווענט האָט דער טרויער זיין נעסט,
דער טרויער, וואָס איז פונדערהיים מיט מיר מיט;
די היים, טאַטע־מאַמעס; די היים פון מיין וויג;
די היים פון מיין ערשטן נישט הימלעכן ליד;
און איצט — איז מיר שווער צו באַנעמען די פרייד,
וואָס קומט אינדערטונקל צו מיר ווען אַריין
און וויל מיט מיר עסן דאָס טרוקענע ברויט —
געטונקען אין וויין
פון דער ליבע.

מיין אָרעמע, דו!
כ׳וואָלט וועלן זאָלסט בלייבן מיט מיר,
נאָר איך רעד דיך נישט צו.

דיין ליכט

דיין ליכט, וואָס האָט אַמאָל אויף מיר געלויכטן
און געהייליקט מיינע ווענט ביי מיר אין הויז —
דיין ליכט איז היינט מיין טרויער־ליכט, וואָס ברענט
און גייט נישט אויס.

און ביי דיין ליכט, ביים טרויער־ליכט, אַליין מיט זיך
און מיטן גרויסן וווּנדערלעכן ליבע־סוד —
מתיחד בין איך זיך אַצינד מיט דיר,
ווי מיט דער הייליקייט פון גאָט.

מיט דיר, וואָס האָסט פון זיך נאָר רגעס מיר געשענקט,
נאָר רגעס, און — אויף אייביק מיר אין בלוט אַריין,
און כ׳בענק נאָך דיר, ווי נאָר אַ יונג־פאַרליבטער בענקט —
כאָטש ביסט אוודאי שוין די לעצטע ליבע מיין.

קום אַריין

שטייסטו פֿאַר מיין טיר, טאָ — קום אַריין!
(ס׳וועט צו גאָרנישט דיך מחייב־זיין),
ס׳האָבן פּשוט זיך פֿאַרבענקט נאָך דיר
אויך די אָפּגעקילטע ווענט ביי מיר;

ווען זיי וואָלטן רעדן אויך געקאָנט —
וואָלטן זיי געפֿרעגט ביי מיר, דערמאָנט
יענע נעכט, וואָס וועלן שוין נישט זיין, —
נעכט, מיט דיר באַטרונקען, ווי מיט וויין.

קום אַריין! — וועסט זיין אַ ליבער גאַסט —
כאָטש איך האָב פֿאַר ליבע דיך געהאַסט,
פֿאַרן צער וואָס דו האָסט מיר פֿאַרשאַפֿט
אין מיין גרויסער ליבע, וואָס פֿאַרשקלאַפֿט.

קום אַריין אַ וויַיל און כאַפּ אַ קוק.
כ׳האָב זיך אויסגעליידיקט ווי אַ קרוג,
וואָס מען האָט נישט אָנגעפֿילט שוין לאַנג
מיט קיין פֿריש און לעבעדיק געטראַנק.

קום אַריין! — ס׳וועט קיינער דיך נישט זען.
ס׳איז נאָך דיר, דאָ, קיינע נישט געווען,
און זי וועט אוודאי שוין נישט זיין.
שטיי נישט פֿאַר דער טיר און — קום אַריין!

ווײַן פֿון קעלטער

א.

פֿאַראַן אַזאַ מין פֿלאַנץ, אַן אײַנגעשפּאַרטע,
וואָס, אומזיסט ווערסטו זי אויסוואָרצלען, זיך מיען;
פֿון איר מינדסטן איבערבלײַב אין באָדן —
וועט זי פֿונדאָסנײַ און — ווײַטער בליִען.

אַזאַ מין פֿלאַנץ איז יענע גרויסע ליבע,
ווי ס׳איז מײַנע — אין איר לאַנגן, לאַנגן דויער
מיט איר קינדיש־אײַנגעשפּאַרטער בענקשאַפֿט,
מיט איר אויסשטראַלונג און ליכט פֿון טרויער.

ב.

כאָטש די צייט קילט אָפּ,
פאַרווישט אַלץ און פאַרבלאַסט;
און כאָטש איך האָב זי ווען
פאַר ליבע אַזש געהאַסט;
און כאָטש איך האָב פון איר
קיין האָניק נישט — אין מיין געדענקשאַפט —
ליב איך זי נאָך אַלץ,
און בין נאָך פול צו איר
מיט יענער גרויסער בענקשאַפט,
וואָס גייט־אויף אין פלאַמען פון באַגערן,
ווי אַ שקיעה, ערב אויסגעלאָשן־ווערן.

ג.

איך האָב זי אַלץ נאָך ליב.
איך בין נאָך אַלץ נישט פון איר כשוף־ראָד באַפרייט, —
כאָטש ס'איז איר קאָפּ, איר ליכטיקער, שוין גראָלעך,
ווי פאַרפרישעט מיטן שטויב פון צייט;
כאָטש ס'האָט דער קאָרן־בלומיק־בלאָ אין אירע אויגן
אָפּגעבליאַקעוועט און אָפּגעבליט,
און קוקן, קוקט זי שוין מיט יענער שיינקייט,
וואָס דערמאָנט אָן האַרבסט,
דערמאָנט — נאָך שניט;
און כ'האָב זי אַלץ נאָך ליב,
אויך ליב זי, אין איר איבעררייפער עלטער,
וואָס זי שמעקט מיט איבעררייפע פּירות,
און מיט שטאַרקן, קילן וויין פון קעלטער.

דער טויט פון מיין יונגסטן ליד

געשטאָרבן שוין ביי מיר דאָס יונגסטע ליד:
דאָס ליבעליד; ס'געזאַנג פון די געזאַנגען,
מיט וואָס איך בין מיט אַבלדיקע טריט,
דאָס לעבן מיינס, האַלב-וועגס שוין אָפּגעגאַנגען.

דאָס יונגסטע ליד — דעם דיכטערס יונגסטע קינד,
וואָס פול איז עס מיט רוישיק, זידיק לעבן,
און פול מיט אומשולד אויכעט אין דער זינד,
וואָס מוז געהייליקט-ווערן און פאַרגעבן.

געשטאָרבן שוין ביי מיר דאָס יונגסטע ליד.
ס'איז לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען בנשיקה,
נאָר כ'טראָג זיך נאָך אין האַרץ אַרום דערמיט,
ווי מיט אַן אייגן קינד אַ טויטס — בשתיקה.

ב י י מ י ר

מיט אַ ליד

כ׳בין געווען שוין אַ משורר —
ווען געגאַנגען איז מיר קוים דאָס צענטע יאָר;
געזונגען האָב איך דעמאָלט ביי אַ חזן,
בין געווען אַ זינגערל אין כאָר.

אויך היינט בין איך אַ זינגער, נאָר אַן אַנדערער,
היינט זינג איך סאָלאָ, ביחידות, מיין געזאַנג
פון תפילות אייגענע, אַליין-געשאַפענע,
מיט נוסח אייגענעם און אייגן גאַנג.

שוין יאָרן לאַנג ווי כ׳דאַוון מיר אַזוי,
גיס אוים אַזוי מיין לייכט און שווער געמיט;
איך בענטש און לויב דער שיינקייט פון דער וועלט,
און כ׳שעלט, פאַרשעלט דאָס שלעכטס אויך, מיט אַ ליד.

קלאַנגען און פאַרבן

קלאַנגען און פאַרבן,
פאַרבן און קלאַנגען
און — פול איז דאָס אויג מיינס,
און פול איז דאָס אויער,
און פול ווי אַ פעלד, איז
מיט קערנער און זאַנגען —
איז ס׳האַרץ מיינס, מיט טענער
פון פרייד און פון טרויער.

קלאַנגען און פאַרבן,
פאַרבן און קלאַנגען,
און איך — טראָג כּסדר
דעם אַנדערע און ציטער
פון שטילקייט און שטורעם —
צו גרויסע פאַרלאַנגען,
וואָס ווערן אין לידער
צעשאָטן אויף שפּליטער.

פול

כ׳בין פול איצט, פול
מיט קלאַנגען
פון געזאַנגען
— אַלערליי
פון וואָס ס׳איז שווער מיר
צו באַפרייען זיך פון זיי,
און זיי — פון מיר.

איך פיל בלויז צאַפּל,
ציטער פון באַריר,
ווי כ׳וואָלט געטראָגן פייגל
אין מיין האַרץ געפאַנגען;
פייגל אַלערליי,
פון אַלע קלאַנגען,
און פון אַלע פאַרבן;
זינגפייגל, וואָס רייסן זיך פון מיר —
אין מיר נישט אָפּצושטאַרבן.

געהער

כ׳בין כולו אויער,
בלויז געהאָרך,
געהער פאַר דינסטן
מינדסטן
שאָרך;
און שטענדיק איז מיין אויער וואַך,
ווי ביי אַ האָז,
וואָס ציטערט פאַרן ציטער פון אַ בלאַט,
און פאַר דער ווייטסטער, שטילסטער שפּראַך
פון גראָז.

אין מיינע גערטנער זינגט דער פרילינג פון צעבליטן אומעט;
ס׳טרערן בלומען אין געפערלט טוי — מיט יונגן צער —
ווייל ס׳וויגן זיך די פלויטן-טירלעך אויפגעמאכט פון ווינט,
וואס גייט דער איינציקער אין זיי אריין-ארויס...

אין מיינע וויינשטעק רינען אויס אין זיסער ביטערניש די טרויבן,
טריפן אפ אין שטויב, ווי טראפנס גאל —
ווייל ס׳גייען כורמים מיט די שטאנגען זיי פארביי
און טראגן זיי פון דארטן נישט ארויס...

אין מיינע סעדער פלאצן פירות מיט א שריי,
און קרעכצן מיט דער מוסקולירטער לאסט אנטקעגן זון, —
ווייל ס׳נעמט זיי קיינער פון די צווייגן נישט אראפ,
און ס׳קלויבט זיי קיינער נישט, געפאלענע צום שטאם...

אויף מיינע פעלדער קניען סנאפעס פרום-געגארטלטע,
ארומגענומען, קאפ אויף קאפ אין עצבות, —
ווייל מען פירט זיי נישט אראפ אין פולער שפע
פון דער גאלד-פארשניטענער, פארלאזטער ערד...

לעבן מיינס

לעבן, לעבן מיינס, נישט אויסגעלעבט!
איך וועל דיין פערדל: צ ײ ט, נישט כאַפּן פאַר דער צוים,
עס איז אַוועק אַ יונג׳ס, אַן אויסגעשפּאַנט׳ס
מיט גאַוווער און מיט שוים,
און ווי אַן אָדלער — זיך מיט מיר אַ לאָז־געטאָן
בייטאָג — אַנטקעגן זון,
ביינאַכט — אַנקעגן דער לבנה
און אַנטקעגן יעדער פייער־לאַנע,
און פאַרבייגעריטן פאַר מיין שוועל
אויף וועלכער כ׳האָב זיך יונג — צו אַלט פאַרטראַכט,
און נישט באַמערקט אַז זי, די שוועל, איז העל,
אַ גאָלדענע — בייטאָג,
אַ זילבערנע — ביינאַכט,
אַ שיפּעלע אַזאַ, וואָס שווימט אַרום מיט מיר
אין קרייז אַרום מיין הויז,
אין קרייז אַרום מיין טיר,
אין קרייז אַרום אַ וועלט — אין חלום אויסגעטראַכט;
און נישט געהערט האָב איך, ווי ס׳לעבן האָט געלאַכט,
געוואַרט איך זאָל זיך אָפּרייסן און אויפכאַפּן פון טרוים
און זען ווי סלאַזט זיך ס׳פערדל: צ ײ ט,
נישט כאַפּן פאַר דער צוים.

אַ טאָג פון טעג

און ווידער איז אַ טאָג ביי מיר אַוועק,
אַ טאָג אַזאַ, ווי אַלע מיינע טעג;
אַ טאָג — אַמאָל אַ וואָלקנדל אַ גראָ׳ס,
וואָס ציט און ווערט צערונען ווי אַ רויך;
אַמאָל, אַ טאָג, — אַ זייפנבלאָז,
וואָס פּלאַצט, נאָך איידער ווען און וואָס.

און ס׳איז אַ טאָג ביי מיר פאַראַן —
אַ זעגל־שיפל, בלינד
אַרויסגעלאָזט געפירט־צו־ווערן פונעם ווינט;
און אויך אַ טאָג, אַ שמעטערלינג,
וואָס פלאַטערט זאָרגלאָז, לייכט און גרינג
אַרום איעדן אויבן־אָן,
און ווייסט פאַר פרייקייט נישט אַליין
זיך ווו אַהינצוטאָן.

אַזוי־אָ גייען מיר אַוועק די טעג,
און כ׳ווייס נישט, צו ס׳איז שלעכט אַזוי, צי גוט —
אַפילו, ווען אַ טאָג גייט אוים ביי מיר
אין רויטקייט, ווי אין בלוט —
איז אויך מיר רייצנדיק און באַנג,
און אומעטיק און שיין,
און טרויעריק, ווי יעדער אונטערגאַנג
און יעדעס אונטערגיין.

* * *

כ׳וואָלט וועלן שוין דערפירן וועז, דערפירן צו אַ ברעג
דאָס שיפל מיינס, וואָס בלאָנדזשעט,
ווי דער שוואַרצאַפּל אין אויג
און — וויגט זיך, ווי דאָס האַרץ מיינס
אויף די כוואַליעס פונעם אומרו.

ס׳האָט דער ווינט אַרויסגעריסן מיר די רודערס פון די הענט
און טראָגט מיך, וואַרפט און שליידערט מיך
צו פעלדזנקני און קנאָכן,
און ער לאָזט דערנאָך מיך ערגעץ ליגן
אין די אָרעמס פון אַ ווײַנענדיקער ווערבע.

* * *

ס׳איז שווער מיר צו טראָגן די לאַסט
פון מיין איינזאַמער פרייד;
איין רגע בלויז דויערט מיין העכסטער עקסטאַז
און — פאַרגייט, —
ווייל ס׳זאָגט מיר נישט קיינער, אין קדושה, קיין אמן —
ווען כ׳בענטש
און לויב יעדע גרויסקייט און שאַפונג,
פון גאָט און פון מענטש.

מיין שטערן

כ׳האָב געפּרעגט ביים הימל שטערן פון מזלות:
— ווער פון אייך איז מיין? —
האָבן אַלע אויפגעציטערט
ווי די טוי-טראָפּנס אין ווינט,
און איינס —
אַ שטערנדל אַ בלאַס,
אַ שטערנדל אַ קליינס,
אַ פונק די גרויס —
האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ שטערנבינט
און געגומען פאַלן, פאַלן איבער מיר,
און אויפן וועג — אַריינגעפאַלן
צו דער נאַכט אין שויס.

ציט נישט קעמלען

ציט נישט, קעמלען; ציט די העלדזער אויך נישט אוים,
ס׳איז אַן אייך, דאָס מידבר מיינס, אומענדלעך גרוים,
כ׳טראָג אליין אין אויג דעם גלי פון דאָרשט און פּיין, —
קוקט זשע קעמלען אין מיין פענצטער נישט אריין!
ציט נישט, ציט נישט טאָג און נאַכט מיין הויז פאַרביי —
כ׳וועל אין אים נישט בלייבן, פיל איך, — סיי־ווי־סיי,
כ׳בין דאָך אומעטום דערוויילק ווי אַ גאַסט,
וואָס באַזעצט זיך אומגעבעטן מיט זיין לאַסט,
און צעלייגט זיך מיט זיין טרויעריק געפּעק,
וואָס ער פירט מיט זיך כסדר מיט אין וועג.

ציט נישט, קעמלען; ציט די העלדזער אויך נישט אוים,
ס׳איז אַן אייך, דאָס מידבר מיינס, אומענדלעך גרוים,

פאַר מיין פענצטער

שטעלן זיך טעג פאַר מיין פענצטער אַוועק,
ווי קעמלען וואָס וואַרטן אויף לאָדונג געגרייט —
טראָג איך אַרויס זיי מיין אָרעם פאַרמעג:
געזאַנגען פון אומעט און בענקשאַפט נאָך פרייד.

ציען זיי, ציען, צו מידבר, צו סטעפּ,
ווו ס'בריען די זאַמדן און שטיין איז צעגליט,
שטייגן אויף פעלדזן און בערג, ווי אויף טרעפּ,
און טראָגן מיין דאָרשט און באַגער מיט זיך מיט...

צו יענעם קעמל

כ׳בין געגליכן איצט צו יענעם קעמל,
וואָס איך האָב אַמאָל אַליין באַשריבן,
ווי ער האָט פון קאַראַוואַן (דער לעצטער)
אָפּגעריסן זיך און שטיין־געבליבן;

שטיין־געבליבן — האַלדז און קאָפּ פאַרריסן,
ווי געשטעלט אַ פרעג־צייכן — די ווייטן,
אַן אַרומגענומענער מיט ווייטקייט
מיט מידברישער — פון אַלע זייטן.

שטיין־געבליבן מיט דער שטריק, פאַר וועלכער
ס׳האָט אים פאַרן האַלדז וועד לאַנג געצויגן,
אָפּגעבונדן, אויסגעשפּאַנט און פריי שוין,
פריי, נאָר מיטן מידבר אין די אויגן.

פריי, נאָר פול מיט פּחד פאַר דער פרייהייט,
וואָס זי דריקט — צום איינגעבראָכן־ווערן —
פון נישט האָבן זי ווי אויסצולאָדן,
לויט די ווונטשן מיינע און באַגערן.

אין גאָלדיק־גרינעם ליכט

מיט וואַלד אין גאָלדיק־גרינעם ליכט און שאָטן —
טויכט, אויף הירשנפּיס, מיין יוגנט אויף,
כאָטש ס'איז מיט וואַלד זיך נישט צונויפגעוואַקסן
אין די טעג די זוניקסטע, אין לויף
פון יאָרן, וואָס זיי זענען אויפגעגאַנגען
העל, ווי ווייץ און קאָרן אויפן פעלד, —
אויף וואָס דאָס לעבן מיינס האָט יונג, — צעשראָקן,
אירע ערשטע הירשנטריט געשטעלט —
מיט אויגן אויפגעריסענע פון וווּנדער
און אַריבערקוועלנדיקער פרייד,
פון וואַקסן און פון בליען — אָן צו אַנען
וועגן אָפּבלי און געפאַר פון טויט, —
ווי ס'וואָלט דער טויט געווען אַ קינדער־מעשה,
פונקט ווי אַלע מעשה'ס אויסגעטראַכט,
אַ מעשהלע, נאָך וועלכער, קליינוואַרג, האָבן
מורא אין־דער־פינצטער זיין בייַנאַכט, —
ווי מיך, אַ גרויסן — שרעקן מיינע טעג שוין,
טעג, וואָס גייען דורך ווי דורך אַ בראַנד...
איז גוט אַמאָל פון ווילדן וואַלד פון גרויסע —
זיך אַריינכאַפּן אין קינדערלאַנד —
צו טאָן אַ קוק אַריין אין גאָלדיק־גרינעם
דורכזיכטיקן, בלאָנדן, יונגן וואַלד,
פון וואַנען כ'הער פון צייט צו צייט מיין יוגנט,
ווי זי לויפט דאָרט, ווי אַ הירש, און פאַלט...

ס'האָט יעדער זיין ברונעם

ס'האָט יעדער זיין ברונעם צו שטילן דעם דאָרשט פון באַגערן,
נאָר איינער, ער שטילט אים מיט ווייַן און אַ צווייטער —
מיט טרערן.

אויך איך, האָב מיין ברונעם פון וואַנען איך שעפּ און וועל שעפּן,
ווי לאַנג ס'וועט מיין גורל די עמערס נאָך קאָנען דערשלעפּן,

ווי לאַנג נאָר מיין ברונעם, וואָס איז נישט צו טיף און צו
קוואַליק —
וועט שטילן דעם דאָרשט פון מיין ליד, וואָס נישט גרויס איז,
נישט שטראַליק,

נאָר ריין, ווי ס'איז דער, וועלכער האָט זיך פון זיך נישט
דערווייטערט,
און לויטער — פון ווערן אין פּיין און אין טרערן געלייטערט.

אויסגעטרוקנט

אויסגעטרוקנט האָט מיין ברונעם,
ס׳פלאַצט פון טרוקעניש, מיין עמער; —
טרייב נישט פאַסטעכל צו מיר די שאָף,
פאַסטושקע, פיר צו מיר נישט דיינע לעמער;

זעט, ווי דורשטיק ס׳ברענען מיינע אויגן!
כ׳וואָלט אליין געווען אַצינד אַ בעלן
צו אַ קוועליק וואַסער־שנירל
מיט די ליפּן צוצופאַלן...

פאַסטעכל, פאַסטושקע ליבע,
מיינע אומעטיק־באַגריסטע! —
האָט איר נאָך געטראָפן ערגעץ
אַזאַ טרוקעניש אַ וויסטע?

האָט איר נאָך געטראָפן ערגעץ
ווי ביי מיר, אַזאַ באַדויער,
און אַ בענקשאַפט אָט אַזאַ,
וואָס גרייכט דעם טיפסטן, שטילסטן טרויער?!

פאַסטעכל, פאַסטושקע, פירט אוועק פונדאַנען,
ערגעץ אַנדערש־ווו, די שאָף און לעמער! —
אויסגעטריקנט האָט מיין ברונעם,
ס׳פלאַצט פון טרוקעניש, מיין עמער.

אַ טרויעריקע אידיליע

א.

איך,
מײַן װײַב —
די מוזע,
און מײַן קינד —
מײַן ליד:
אַ הייליקע דרײַ־אייניקייט־פֿאַמיליע,
אין אַ שטילער, טרויעריקער אידיליע.

טרויעריקער פֿון „טאַטע־מאַמע"
איז — דאָס „קינד",
וואָס פֿול איז עס, מיט הימלבלאָ
און חלום־בלאָ —
פֿון שטענדיקן פֿאַרטרוימט־זײַן
און פֿאַרבענקט־זײַן,
און אין קינדישער קאַפּריזנעקייט —
שוין גראָ
פֿון אייביקן באַוואָלט־זײַן,
געקרענקט־זײַן,
און פֿון צער פֿון דער משפּחה:
די פֿאַמיליע
אין איר הייליק־טרויעריקער אידיליע.

ב.

מיין ווייב, די מוזע, וואַרפט נישט איינמאָל
פאַר די פיס מיר צו דעם גט:
ס׳ווערט אומדערטרעגלעך — זאָגט זי מיר —
ס׳קאַפּריזעווען פון אַ פּאָעט,
און — ווערט פאַרשווונדן אויף חדשים לאַנג
און — זוך אין פעלד דעם ווינט!
און אַז מיין „ווייב” פאַרלאָזט מיך —
נעמט זי אויכעט צו פון מיר דאָס קינד,
מיין איינציק קינד, דאָס איינציקע פאַרמעגן מיינס
אין אָרעמקייט:
דאָס ליד, דאָס טרויעריקע ליד,
וואָס איז מיין איינציק ביסל פרייד...

ג.

מיין ווייב, די מוזע, שלאָפט לעצטנס אַ סך.
ז'איז מיד, ז'איז זייער מיד
פון נעכט — זיין וואַך
ביים וויגל פון מיין שווער-געמיט,
פונוואַנען ס'וויינט אַרויס
מיין אָרעם קינד — מיין ליד.

און אַז מיין ווייב, די מוזע, שלאָפט —
איז שטיל ביי מיר; אומהיימלעך שטיל,
ווי אין אַ נאַכט, ווען ס'הערט זיך בלויז
דאָס גרילצנדיקע זעגן פון אַ גריל.

* * *

ס׳האָט עמעץ זיך אינדרויסן פאַר מיין הויז געפרעגט צי איך בין דאָ;
ווען כ׳בין צום פענצטער צו, האָט אַרום אים אַרומגעקרייזט אַ קראָ;
געפלאַטערט מיט די פליגל און געלויערט הונגעריק אויף פּרעס,
דערזען מיך — אויסגעזעצט די שויב, אריין, ווי כ׳וואָלט געווען
דער מת...

נאָר באַלד נאָך אים, האָט אין דער שטילקייט ווער
אַריינגעשריגן: אוי!

די ליידיק־טונקעלע חדרים האָבן אָפּגעענטפערט: הוי! —
ווי עמעץ וואָלט געקרעכצט אין זיי, געבראָכן זיך פאַר צער
די הענט,

אַרומגעגאַנגען און געשלאָגן זיך דעם קאָפּ אָן אַלע ווענט...

גרעסער

גרעסער פון מיר, — איז דאָס האַרץ מיינס אין מיר,
און גרעסער פון ביידן — דאָס טויער אין אים:
דורך אים שניידן שטראָמען פון ימען זיך דורך
מיט רוקנס פון גאָלד און פון זילבער און בליי;
אין אים פּאַלן הימלען אין חשכות פון צער,
און הייבן זיך לויטער, געזוניקט פון פרייד;
דורך אים שפּאַנען טריט פון אַ דור נאָך אַ דור,
און טרעטן אים אויס, ווי אַ דורכגאַנג פאַר אַלץ, —
ווייל גרעסער פון מיר, איז דאָס האַרץ מיינס אין מיר,
וואָס קלאַפּט מיטן טאַקט פונעם האַרץ פון דער וועלט,
און גרעסער פון ביידן — דאָס טויער אין אים,
דורך וואַנען עס ציען זיך וועלטן אַדורך.

מ י ד

ווי מיד איך בין,
ווי מיד פון אַלץ,
פון יעדן און פון זיך אַליין;
עס הענגט די מידיקייט מיר אויפן האַלדז,
און ציט מיך צו דער ערד,
ווי ס׳ציט אַ שטיין,
און איך בין גערן — זיך אַוועקלייגן און ליגן
מיט דער שווערקייט אויף אַ מיטן וועג,
אַז ס׳זאָלן איבער מיר אַריבער
מיינע אויסגעברענטע טעג
און שלאָפלאָז־וואַכע נעכט,
   און — זאָל אַריבער איבער מיר מיין לעבן,
וואָס איז שלעכט צו מיר און אומגערעכט.

אין אַ וואַלד

אין אַ וואַלד, אין אַ געדיכטן,
וואָס איז פול מיט זיך אַליין,
פול, און ווי אַ נעץ, מיט וועגן —
נישט פון זיי אַרויסצוגיין —

וואָלט איך וועלן זיך פאַרלירן
אינעם גרינעם ביימער־ים,
און צו אָטעמען די שטילקייט
פון איעדן בוים און שטאַם;

און צו טרינקען ווי אַ היילונג
פאַר דערשעפּונג און פאַר וויי —
אַלע ריחות, אַלע זאַפטן,
וואָס זיי טריפן קיל פון זיי;

און צו זיין ווי זיי, בלויז אויער,
בלויז געהער און טיף געהאָרך
פאַרן דינסטן רויש פון בלעטער,
פאַר איעדן שאָרוו און שאָרך;

און פאַר יעדע שפּראַך פון קלענסטן,
ציטעריקסטן וואַלד־בעל־חיי,
וואָס היט אָפּ דאָס ביסל לעבן,
און האָט מורא פאַר דער פריי.

אַ זייגער

אַ לעבן געלעבט אָן אַ זייגער,
אַ לעבן אָן צייט און אָן רוים;
וואָס דאַרף מען אַ זייגער אין חלום?
וואָס דאַרף מען אַ זייגער אין טרוים?

און פּלוצלינג — אַ זייגער באַקומען,
אַזוי ווי אויף שפּאַס — אַ געשאַנק,
אַ שטוב-זייגער, ווי אויף צו לאָזן
מיך הערן, די טריט פון פאַרגאַנג;

אַ פּשוטער זייגער, אַ וועקער,
נאָר כ׳ווייס נישט צו ווען און צו וואָס
באַדאַרף ער מיך וועקן, אַז וואַרטן —
דערוואַרט מיך נאָר צער און פאַרדראָס;

אַז וואַרטן, — דערוואַרט מיך מיין שאָטן,
וואָס שלייכט זיך מיט מיר אָן אַ זייט
און פירט מיך אויך צו צום געלעגער
צו מיינעם — פאַרשלאָפן די צייט.

נו, האָב איך אַ וועקער, וואָס כ׳דריי אים
נישט אָן ער זאָל וועקן, נאָר גיין
און קלאַפּן אין איינזאַמער שטילקייט —
כ׳זאָל מיינען, אַז כ׳בין נישט אַליין...

*

מײַן האָרץ איז ווי אַ צימער אָן אַ קאָרידאָר,
אַ צימער מיט אַ דרויסנדיקער טיר,
וואָס עפֿנט ברייט זיך אויף, ווי פֿאַר דער גאַנצער וועלט
און פֿירט פֿון שוועל דיך גלײַך אַרײַן צו מיר;

מען דאַרף בלויז אָנקלאַפּן אין איר, נאָר לײַכט און דין,
ווי דײַן ס'איז מײַן געהער, וואָס וואַכט און היט
עס זאָל דער שוועל מײַנער, נישט איבערטרעטן ד ע ר,
וואָס קומט צו מיר מיט הילכיק־רויע טריט.

אויף יעקבס לייטער

אָפּטמאָל, זייער אָפּט, ווען כ׳לייג זיך שלאָפֿן,
ווען די פינצטערניש אין שטוב איז פול, געדיכט —
ליג איך, ווי אַ העלזעער — די אויגן אָפֿן —
אַנגעצונדן פון אַן אינעווייניקסטן ליכט.

זע איך בילדער — איינע פון דער צווייטער
אומגעווײנטלעכער — מיט זייער בלאָ געבלענד,
און אין בלאָען שימער — יעקבס חלום-לייטער,
וואָס איך האַלט אַרומגענומען מיט די הענט;

און איך שטייג אויף אים, אין נאַכט אין שפּעטער,
שטייג און שטייג, ווי כ׳וואָלט געווען לונאַטיש קראַנק,
קלעטער, קלעטער, נאָך אַ שטאַפּל און — כ׳דערקלעטער
דאַכט זיך, — שוין צום הימל און צום שטערן-גאַנג;

כ׳הייב זיך, הייב זיך העכער אַלץ און העכער,
און דערווייטער זיך אַזוי-אַ, פון דער ערד,
וואָס איז פול מיט בלוט, און פון דער וועלט דער פרעכער,
ווו איך לעב און, ס׳איז צו לעבן מיר באַשערט —

ציט מיך, ציט די לייטער, ביז — אַ שטאַפּל
האַלט נישט אויס מיך, טוט אַ קרעכץ און — ברעכט זיך איין;
פון אַ הימל-הויך, מיט ציטער און געצאַפּל —
פאַל איך, פאַל דורך נאַכט — אין גראָען טאָג אַריין.

*

נישט מיינע — די וועלט, און נישט מיינס איז דאָס לעבן וואָס כ'לעב,
נישט מיינע — די וועגן אויף וועלכע איך וואָגל אַרום;
ס'איז מיינער — דער קוואַל פון מיין טרויער פון וועלכן איך שעפּ,
די ווינטיקע קעלט פון דער פרעמד, וואָס איך פיל אומעטום.

נישט מיינע — מיין טוונג, וואָס כ'טו זי געצוווּנגענערהייט,
נישט מיינס איז מיין קול, ווען איך רעד אָדער זינג אין מאַזשאָר;
ס'איז מיינס, נאָר דאָס ליד, וואָס דערציילט אַזוי ווייניק פון פרייד
און ווערט פון מיר שטענדיק געהאַלטן אין טאָן פון מינאָר.

*

אַ גרויסע וועלט — אויף צום־פאַרלוירנגיין,
און מיר איז ענג אין איר — דערשטיקט צו ווערן,
כ׳בין אין איר אַ פויגל אַ געפאַנגענער,
און כ׳זינג נישט דאָס, וואָס איך אַליין וואָלט וועלן הערן:
די אָדע צו דער גרענעצלאָזער פריי,
וואָס קיניגט ענדלאָז איבער אַלע ספערן
און מאַכט נידעריק איעדן הימל־הייך,
און נאָענט — מיטן וויַיטן גאַנג פון אַלע שטערן.

הינטער מיר

די זון איז ווייט שוין הינטער מיר,
ס'איז נאָענט שוין צו נאַכט;
איך גיי, איך גיי אַנטקעגן איר,
די אויגן האַלב פאַרמאַכט —
אין בלענד פון ליכט און שאָטנשפּיל,
אין אויפשטראַל פון פאַרגאַנג,
און מיט אַ נאָגנדיק געפיל
און נאָגנדיק געזאַנג
פון איינעם וואָס געזעגנט זיך,
פון איינעם וואָס דערמאָנט,
ווי ס'גייט די זון אַזוי ווי איך —
אַראָפּ פון האָריזאָנט.

*

מיין ליד איז, דאַכט זיך, נאָך אין פולן בלי,
נאָר עפּעם בליט עס שוין, ווי שווינדזוכט־קראַנק,
און עפּעס אָטעמט עס מיט יענעם גלי
פון הויכער היץ און פיבער פון פאַרגאַנג.

מיין לידערבוים האָט שוין אַרומגעשיט
דעם שטאַם — מיט האַרבסטצווייט, ווי מיט רויטן מאָן;
אַבי איך האָב ביז איצט, ביים „גיין צו ליד" —
געפילט מיט ציטער, אַז איך הייב ערשט אָן.

*

עס גייען אוים די לעצטע אָפּקלאַנגען פון מיינע לידער,
וועלכע „פּאַן״ האָט אויפן גרינעם גאָלדהאָרן צעשאַלט;
זיי גייען אוים און לייגן זיך פּאַר יעדן בוים אַנידער
ווי די זונשפּליטערם אין דער געדיכטעניש פון וואַלד.

נישט לאַנג און כ׳וועל, ווי נישט געווען, פון קיינעם נישט געהערט־זיין —
(כאָטש אַ דיכטער קאָן אויך איבערלעבן זיין געזאַנג),
און מיר אַליין קאָן ווייטיקלעך אַמאָל באַשערט־זיין,
כ׳זאָל מיין ליד — מיין קינד — אַרויסבאַגלייטן צום פאַרגאַנג...

האַרבסט ביי מיר

ס'איז האַרבסט ביי מיר.
ס'איז האַרבסט אין מיר.
שפּעט-האַרבסט אין מיינע בליונגס-גיטער.
ס'הענגען נעפּלען גאָלדענע פון טעג,
וואָס פאַלן צו, ווי העלע בלעטער,
צו די שטאַמען אין מיין וואַלדיק האַרץ.

שפּעט-האַרבסט.
אין מיינע סעדער, גערטנער, פעלדער —
פייפט דער ווינט אַ מעלאַנכאָלישם,
און עס הענגען שוואַרצע נעכט זיך אויף
און וויגן זיך אויף ביימער
און אויף אויפגעמאַכטע פלויטן-טירלעך,
וועמענס סקריפּעריי ס'וועקט אויף
אַ וויים און בייז געביל פון הייזעריקע הינט.

ס'איז האַרבסט ביי מיר.
ס'איז האַרבסט אין מיר.
שפּעט-האַרבסט.

מײַן ברענענדיקע װעלט

מײַן װעלט — זי ברענט שױן, ברענט —
אין בלוט פֿון מײַנע װוּנדן —
װי פֿון שקיעהס אָנגעצונדן.
װי אַ טראַט — געפֿין איך מיך אין פֿלאַמען.
אַלע װעגן האָט דאָס פֿײַער שױן פֿאַרכאַפּט,
פֿון העכסטער הײך — די טיפֿסטע טיפֿעניש דערטאַפּט
און — ס׳ברענען שױן די װאָרצלען פֿון די שטאַמען —
אין געדיכטן װאַלד פֿון מײַן צעצװײַגטן אומעט.

ס׳ברענט —
די שריפֿה שפּאַרט אַרױס פֿון מײַנע אױגן —
רױכערן זײ, פֿלאַצן בראַנדיק, װי די שױבן
פֿון מײַנע קודשי-קודשים-װענט,
װאָס רוקן זיך פֿונאַנדער
און צעפֿאַלן זיך אױף בערג געברענטע ציגל,
און פֿאַרשיטן אַלע אײַנגענג
און אַרױסגאַנג-טרעפּ און טרעפּלעך...

ס׳ברענט —
און פֿון דער האַרץ-נעסט מײַנער, רײַסן זיך
און פּרוּװן אין צעשראָקענער בהלה זיך צו הױבן —
האַלב-פֿאַרשרפֿהטע, פֿאַרסמאַליעטע,
מיט ברענענדיקע פֿליגל
און מיט שװאַרצע שנעבעלעך
און אָפּגעזענקטע קעפּלעך —
מײַנע שנײ-װײַסע און צאַרטע חלום-טױבן.

ר ו

רו,
ווּ ביסטו, ווּ?
דיך זוכט מיין מיד און שווער געמיט:
אַ לייב און לעבן אַ דערשעפּט;
דיך זוכט מיין קאָפּ, וואָס ברענט און גליט
און פאַלט מיר אין די הענט אריין — געקעפּט;
דיך זוכט אַ דיכטער, אַ פּאָעט,
וואָס האָט זיין וועלט שוין אָנגעוווירן
און פאַרלירט שוין אויך זיין ליד —
נאָך איידער ס'ווערט ביי אים געבוירן...

לידער אויפן דאך

גימל אויף גימל

ניט דלת אויף דלת, נאָר גימל אויף גימל —
אזא איז דאָס שטיבעלע מײַנס אויפן דאַך;
דערפאַר אָבער האָב איך דעם גאַנצענעם הימל
מיט אַלץ, וואָס איך דאַרף צו מײַן דיכטעריש „פאַך”:

די זון, די לבנה, די ליכטיקע שטערן,
דעם גאַנצן, דעם גויטיקן מיר רעקוויזיט;
וואָס נאָך קאָן איך וועלן, אַז מיר זאָל געהערן —
א חוץ אַ געלונגען, אַ גוט־פאַרטראַכט ליד?...

דער טויבנשלאַק מײַנער איז נאָר ווי צום טרוימען
איין אים און צו שוועבן נאָך העכער פון הויך;
ס'איז שלעכט נאָר, וואָס שטענדיק, ווען ס'זעצט פון אַ קוימען —
איז חושך ביי מיר, פונעם סאַזשיקן רויך...

דערפאַר אָבער האָב איך דעם ים פאַר די אויגן,
נאָר כאַפּ איך אַ קוק דורכן פענצטער אַרויס —
איז גאָרנישט צו זען אים: פאַרהאָנגען, פאַרצויגן
דער ים איז, מיט וועש פון די שכנים פון הויז...

פונדעסטוועגן בין איך ניט קשה דערהויבן
און פריי — כ'האָב קיין שכן ניט איבערן קאָפּ,
און כ'קאָן זיך אפילו אָן גאווה דערלויבן
אויף אַלעמען קוקן פון אויבן אַראָפּ...

אין דרייען

איך ווײַן נישט אַליין אויפֿן דאַך,
מיר וווינען אין דרייען:
איך, מײַן ברודער — אומעט,
און די שוועסטער מײַנע — איינזאַמקייט.
און כאָטש מיר האָבן איבעריק נישט ליב זיך,
לעבן מיר בשלום און בשלווה,
האַלטן זיך ווי שעפּעלעך צוזאַמען,
טיילן זיך מיט שווערע, האַרטע ביסנס,
טרינקען פֿונעם זעלבן קוואַל, דעם ביטערן,
ווײַל ברידער־שוועסטער זענען מיר,
פֿון איין און זעלבן טאַטן — דוחק,
און פֿון איין די זעלבע מאַמע — אָרעמקייט.

צום ווינט אויפן דאַך

ווינט, דו ווינט, לאָז אָפּ די טיר,
ס'איז זי רייסן נישט כדאַי,
כ'וועל אַלצאיינס אַרויס צו דיר,
ווייל איך שלאָף נישט סיי־ווי־סיי.

ווער קאָן שלאָפן צווישן ווענט,
וואָס זיי זענען דין, ווי דיקט,
ווי עס וואָלט אויף דיינע הענט
זיך מיין דאַכשטיבל געוויגט?!

ווער קאָן שלאָפן, אַז מען פילט
איבער זיך דיין אָטעם קאַלט,
ווי דו וואָלסט מיך אָפּגעהילט
און פאַרטראָגן אין אַ וואַלד?!

ווינט, דו ווינט, לאָז אָפּ די טיר,
כ'טו זיך אָן אַרויסצוגיין,
כ'קאָן נישט הערן אַרום מיר
ס'קלאָגן דיינס און דיין געוויין; —

כאָטש איך ווייס, אַז ס'איז אַ שפּיל,
אַ קאַפּריז פון בלינדער קראַפט, —
האָב איך אָבער דאָס געפיל,
אַז די וועלט איז דיר פאַרשקלאַפט;

אַז די וועלט איז פֿענצט און צוואַנג,
אַ געשפּאַנטע אין דיין מאַכט, —
רייסט זיך, רייסט זיך פֿון געפֿאַנג,
אין דער לאַנגער ווינטערנאַכט.

דאכט זיך, וואָס? — אַ גישטיקע פּאָר קליינינקייטן, שאַלאַמויזן:
אַ פאַרוואַשן העמדל, אַ פּאָר ווינדעלעך,
אַ ציכל, אונטערהויזן,
וואָס אַ שכנה האָט צעהאַנגען פאַר מיין פענצטער־ראָם, —
פאַרשטעלן מיר דעם ים, דעם גאַנצן ים,
און — אוים אים, אוים!
אַבי מען זאָגט: דער ים איז גרויס, אומענדלעך גרויס.

מײַן דאַך — אַן אינדזעלע

ס׳געדענקט שױן נישט פֿון דאַכשטיבל מײַן טיר,
װען עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר,
צי, װי אַן אײגענער — נישט אָנגעקלאַפּט — אַרײַן,
װי ס׳גײט אַרײַן דאָס ליכט פֿון טאָג,
צי ס׳ליכט פֿון שטערן און לבֿנה־שײַן.

געדענקען נישט די װענטלעך מײַנע פֿיר,
װען עמעץ איז מיט מיר צעװישן זײ
געזעסן פֿרײַנדלעך בײַ אַ גלעזל טײ,
געשמועסט און גערעדט, באַרעדט, געלאַכט,
פֿאַרצױגן עפּעס אַ דערמאָנטן ניגון,
אָדער פּלוצלינג זיך אױף לאַנג פֿאַרטראַכט
און טיף, פֿאַרטיפֿט — מיט מיר זיך דורכגעשװיגן.

דאַכט זיך מיר דערפֿאַר נישט אײן מאָל אױס,
אַז כ׳װױן נישט אױף אַ דאַך־װוּ פֿון אַ הױז,
נאָר ערגעץ אױף אַן אינדזעלע,
װוּ זעלטן שטעלט אַ שיף בײַם ברעג זיך אָפּ
און לאָזט צו מיר אַ פּאַסאַזשיר אַראָפּ.

דער קלאָגפויגל

דער איינציקער וואָס קומט מיך אָפּט באַזוכן,
מיר צו ווייזן, אַז איך בין נישט איינזאַם,
איז — דער קלאָגפויגל.
נאָר קומען, קומט ער אין דער פריער שעה,
באַגינען, צווישן גראָ און בלאָ,
ווען איך, אַ וואַכער, ליג נאָך און איך טראַכט:
צי זאָל איך מאַכן טאָג,
צי ממשיך־זיין די נאַכט.

נאָר שלאָף, אַז פאַרן פענצטער
האָט דער קלאָגפויגל זיך ערגעץ־ווו אַוועקגעשטעלט,
און קלאָגט, און קלאָגט, און הערט נישט אויף צו קלאָגן
אויף מיין ביטערער מערכה,
און באַקלאָגט דאָס פינצטער מזל מיינס, אַזוי,
אַז ס'נעמט מיך אַ רחמנות אָן אויף זיך אַליין,
ווי כ'וואָלט שוין נישט געהאַט אויף וואָס צו האָפן...
פּלוצלינג ווערט ער שטיל, דער קלאָגפויגל,
און לאָזט מיך מיד פאַרענדיקן דאָס שלאָפן.

פייגל אין פענצטער

ס׳איז לאַנג שוין טאָג.
די זון, זי שיינט שוין לאַנג,
נאָר איך ביי מיר אין דאַכשטיבל —
איך ליג נאָך אַלץ, ליג קראַנק,
און קראַנקערהייט — אַליין,
ווי אַ פאַרגעסענער, אוועקגעלייגטער שטיין...

און פלוצלינג: אויף מיין פענצטער־ראַם — אַ פויגל:
קוקט זיך שנעל אַרום,
דערלאַנגט אַ פלי אוועק,
נאָר קערט זיך תיכף אום
מיט פייגל נאָך אַ סך —
געברענגט, ווער ווייסט פון וועלכן בוים, צי דאַך;

זיי צוויטשערן און שאַרן זיך אין פענצטער,
ווילן זען, ווער שלאָפט עס אַזוי שפּעט,
און אפשר ווייסן זיי, נאָר מיינען בלויז צו זען
ווי ס׳לעבט און וווינט אַ יידישער פּאָעט?

און אפשר — זיך דערוווּסט, אַז כ׳ליג אַ קראַנקער,
וואָס ער זעט קיין „פויגל” נישט אַריין —
נו, זענען זיי פון הימל צוגעשיקט, —
געקומען מיך מבקר־חולה־זיין...

געקומען ווייזן מיר, אַז כ׳בין נישט איינזאַם,
אַז מיין לעבן גייט נאָך ווען אַן,
אַז פייגל קאָנען אויכעט ברענגען טרייסט —
ווען ס׳קאָן אַ מענטש אפילו דאָס, נישט טאָן.

מיין טויבנשלאַק

ווער ס׳האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ —
האָב איך אַ דאַך אונטער די פיס,
און אויפן דאַך — מיין אָרעם גוטס,
און אויפן דאַך — מיין פּאַראַדיז:

אַ שטיבעלע — אַ טויבנשלאַק
(וואָס קאָן ראָמאַנטישער נאָך זיין?)
נאָר זעלטן, זעלטן פליט אין אים
אַ טויב, אַ טייבעלע אריין.

פאַרבלאָנדזשעט ווען אַ „זי״ אין אים —
פאַרהאַלט זי זיך אין אים נישט לאַנג,
ווערט פלוצלינג אומרואיק און טוט
אַ פלי אַרויס, ווי פון געפאַנג...

איך קוק איר לאַנג און באַנגיק נאָך —
אין ראַם צעווישן שוועל און טיר;
זי פליט און פליט, פאַרשווינדט און — אויס!
עס בלייבט אַ ליד בלויז וועגן איר.

טויבן

טויבן, טשאַטעס טויבן אויף מיין דאַך —
(וואָס קאָן שענער און אידילישער נאָך זיין?)
נאָר אסור אויב עס דאַרף מיך זיין מקנא ווער,
מיר פליען נישט קיין טייבעלעך אין מויל אריין...

טויבן שטעלן זיך בלויז איין און קומען צו
ווי בגניבה, צו מיין אויפגעפראַלטער טיר —
צו כאַפּן בלויז אַ שנעלן בליק אריין
אין אָרעמען, אין ענגן דאַכשטיבל ביי מיר, —

ווי צו זען וואָס איך טו אין אים,
ווי אַזוי עס לעבט אַ דיכטער, אַ פּאָעט,
וואָס האָט פאַר זיין געזאַנג דערוואָרבן זיך
אַ שטוב: אַ טויבנשלאַק, אַ טישל און אַ בעט.

נישט ווי די טייבעלעך...

טויבן לעבן אויך נישט „ווי די טייבעלעך" —
איך זע עס אויף מיין דאַך — דאָס קאַמפּספעלד זייערס,
ווו זיי קריגן זיך און רייסן זיך
און פּליקן איינס דאָס צווייטע זיך די פעדערלעך,
וואָס איך געפין דערנאָך ביי מיר אין דאַכשטיבל,
פאַרטראָגענע דורך טיר און פענצטער —
פון די ווינטלעך, וואָס זיי טראָגן זיי אַרום
נישט זיכערע, ווי שנייעלעך פון ערשטן שנייפאַל.

און נישט איין־מאָל יאָגט דער ווינט אַזוי אַרום
אַ פעדער פון אַ פליגל פון אַ טויב,
אַ גאַנצע פעדער מיט אַ רויטן שפּיץ,
ווי ס׳וואָלט געשריבן ווער מיט טויבנבלוט...

און כ׳האָב נישט איין־מאָל אויפן דאַך ביי מיר
געפונען שוין אַ טייבעלע אַ טויטס,
מיט רויטע שפּורן פון רציחה — אויף דער ווייסקייט,
וואָס איז שטייף געלעגן ווי אַ שנייקויל.

טויבן לעבן אויך נישט „ווי די טייבעלעך".

נאָענט פונעם הימלרייך

הארץ און אויג און אויער וואך.
שרייב איך לידער אויפן דאך,
ווו איך וווין מיט טויבן גלייך,
נאָענט פונעם הימלרייך.

לויט דער פאַרב פון מיין געמיט,
איז אַ טויב מיין יעדער ליד,
וואָס איך בלוטיק אויס פון זיך
איידער זיי פאַרלאָזן מיך.

וואַרקן טויבן אויף מיין דאך —
לידער אין מיין מאַמעס שפּראַך,
וואָס כ'האָב ליב און היט זי אַזוי,
ווי מען היט אַן אויג אין קאָפּ.

יידיש — איז די לירע מיין,
ווי דער גורל מיינער — פיין,
פיין און — טרויעריק געזאַנג
פון אַ לעבן אין פאַרגאַנג.

דעם אַכטן טאָג

איך ליג דעם אַכטן טאָג שוין קראַנק אין דאַכשטיבל ביי מיר,
און שוין דעם אַכטן טאָג, ווי ס'האָט קיין לעבעדיקע האַנט
נישט אָנגערירט דאָס הענטל פון מיין טיר;
דעם אַכטן טאָג, ווי קיינער פון די שכנים פון מיין הויז
האָט נישט געפרוווט אפילו נאָר פאַר נייגער בלויז
צו זען, פאַרוואָס מען זעט מיך נישט
דעם אַכטן טאָג אַראָפּגיין פונעם דאַך;
דעם אַכטן טאָג, האָט קיינער נישט געזאָגט מיר קיין גוט־מאָרגן,
נישט געפרעגט פאַרוואָס איך ליג,
און נישט געפרעגט מיך וואָס איך מאַך,
און מיר נישט פאַרגעליגט די הילף פון קלענסטן ווערט.
דעם אַכטן טאָג, ווי ס'האָט די וועלט פון מיר זיך אָפּגעקערט.

ווייבער אויפן דאַך

אויף מיין דאַך ווערט פריילעך, ווען די ווייבער קומען הענגען וועש,
און הייבן אויף אַ גראַגעריי, ווי אין אַ מוטנעם טייכל — פּרעש;
דאָס דינגט מען זיך אַזוי אינאיינעם פאַר אַ שטיקל פרייער שטריק,
ביז — אַלע קומען צווישן זיך אַדורך און שטעלן אָפּ דעם קריג...

זוניק, ווינטיק — הענגט אַיעדע איר פאַמיליע־גליק אַרויס.
עס הענגען דאַכט זיך אויך די קליידער אויף די ווייבער —
שלאַבריק, לויז,
ווי ערב יום־טוב, ווען זיי האָבן נישט קיין צייט און — שטענדיק
גרייט
צו רעדן וועגן קאָכן, קינדער, עסן, מענער, לייד און פרייד.

הענגען ווייבער און זיי רעדן אָן אַ סוף און אָן אַ שיעור, —
פאַרמאַך איך זיך אין קליינעם, ענגען, דושנעם דאַכשטיבל ביי מיר,
נאָר ס׳העלפט נישט! און נישט זייער שולד, וואָס איך פאַרמאַג
אַזאַ געהער,
און כ׳הער, למשל: וועמענס פרוי עס איז „צו קינד געגאַנגען״
שווער;

וועמענס פרוי עס האָט גע׳מפּל׳ט „פאַר קיין יידיש קינד געדאַכט״,
און ווער ס׳רייסט וועלטן איין עס זאָל זיך עפענען אַמאָל איר
טראַכט;
און איינע נעמט דערציילן אינדערשטיל אַ „שיינס״,
וואָס האַלט אין שפּאַן,
און אַלע שטיקן זיך פון לאַכן: אַ שלימזל פון אַ מאַן!...

פלוצלינג טוט זיך ווער פון זיי אַ כאַפּ: אַ חורבן! דער פּאָעט,
דער שכן אינעם דאַכשטיבל, ער הערט אַוודאי וואָס מען רעדט,
ער קאָן אונדז נאָך אַמאָל באַשרייבן און נאָך אָפּנעמען דערפאַר —
ווי הייסט עס דאָרט אויף זייער לשון? האָנאָ-האָנאָר-האָנאָראַר.

דער לעצטער שכן

דער לעצטער שכן איבער מיר איז — גאָט אין הימל
מיט זיין רייכקייט, וואָס מען זעט עס קוים אין חלום;
האָב איך אָבער ווייט נישט ליב קיין נגיד —
לעב איך נישט דערפאַר מיט אים בשלום;

כ׳לויב נישט זיין אַלמעכטיקייט, זיין גרויסקייט,
כ׳דאַנק אים נישט מיט חניפה, ווי אַ חוטא,
כ׳שפּרינג פאַר אים קיין קדוש נישט, און כ׳זאָג נישט
פרום קיין אמן, ווי אַ חסיד שוטה.

נאָר אַ צרה, וואָס מען קאָן אים נישט אינגאַנצן
אויסמיידן (ר׳איז פאָרט אַ נאָנטער שכן!) —
מוז איך צוקוקן און פּלאַצן אָפּט פאַר קנאה,
וואָס ביי אים איז יום-טוב אין-דער-וואָכן...

עפּעס טוט זיך שטענדיק אין די הימלען זיינע,
ווי מען וואָלט אָן אויפהער זיי געשייערט,
ווי דער בורא וואָלט זיין וועלט-באַשאַף, לכבוד
שמחה׳ס, — טעג און נעכט געוווען געפייערט.

בין איך דאָך דער נאָנטסטער שכן זיינער —
מעג צו מיר זיין אָפּפאַלעכץ געהערן;
שעפּ איך אויפן דאַך מיט פולע עמער:
לופט און ליכט, קלויב פאַלנדיקע שטערן,

מאַך זיך זונבעדער, און לאָז דערנאָך פון נעכט
פון זילבערנע, זיך פעכערן און קילן,
כ׳טרינק לבנה-מילך, כ׳טרינק טוי און בשמים-ווינטלעך,
כ׳טרינק און טרינק און קאָן מיין דאָרשט נישט שטילן...

רעגנבויגן־טויערן

ייִדיש

ייִדיש איז דאָס ליים, דאָס רויִע ליים
פֿון וואָס די אָרעמקייט קנעט אויס
די ציגל צו אַ הויז,
די ציגל צו אַ היים.

פֿון ליים געקנאָטן ווערט דאָס ייִדיש וואָרט,
וואָס איז מיט גורל'דיקס געפּאָרט —
צייט וואָרט איז וואָרט.

און ווי דער טעפּער קנעט פֿון ליים,
קנעט אויס פֿון רויִ-ערד
טעפּ און קריגעלעך,
און פֿילט זיי אָן מיט טרויִער —
קנעט און פֿורעמט פֿונעם ליים
אַ ייִדישער פּאָעט —
זיין ליד, זיין ייִדיש,
וואָס איז אָרעם, נאַקעט,
אָבער — שטראַליק, מלכותדיק — אויף חידוש.

אין וואָרטשאַכט

ווי אַ גאָלדגרעבער אין גאָלדשאַכט —
לאָז איך זיך אַראָפּ אין זיך —
ביים ליכט פון מיין געדאַנק:
צו זוכן ס׳וואָרט,
וואָס ליגט ווי ס׳גאָלד — אין שטיין.

נאָר, וויפל שטיינער ריים איך אויף
און וואַרף זיי אָן,
און וואַרף זיי אָפּ,
צעהאַק זיי און צעפּערטל זיי,
צעשערבל און צעברעקל זיי,
מאַך זאַמד פון זיי,
מאַך שטויב פון זיי,
און זיפּ זיי דורך מיין האַרץ אַדורך —
אַז ס׳זאָל זיך אָפּשטעלן דאָס וואָרט:
דער טראָפּן גאָלד פון אָדערן
אין שטיינער פון דער שאַכט.

אין זיך

שטענדיק, ווען איך זוך ארום דעם תמצית פונעם זיין,
און כ'קלעטער ווי א בלינדער אויף די שטאפלען פון מיין וועלט,
און כ'גיי ארויף, און כ'גיי אראפ
ביז כ'נידער אין מיין טיף,
און בלייב אין מיין התבודדות דערוויטערט אויך פון זיך —
שמידט אוים פאר מיר דער מוח דאן, א מעסער — בלאנק ווי שטאל,
געשארפט איןביידע זייטן —
אויף א שטיין פון מיין געדאנק;
ער בליצט מיר פאר די אויגן,
ווי א פליגל פונעם טויט,
דאך שרעקט ער מיך נישט אפ —
איך האלט מיין גורל אין דער האנט,
די פינגער טאפן מיך ארום, ווי עמעצנס א ווונד,
און כ'פיר מיט קייזערשניט ארום דאס מעסער אויף מיין לייב,
דער ווייטאג ברומט ווי פון א תהום און —
כ'הער זיך צו צו זיך:
— דערקענונג! — שרייט מיין יעדער נערוו.
— וואס מיינט א מענטש, אן איך?
איך פרעג און קוק אריין אין זיך, ווי דורך א טעלעסקאפ,
און גרעסער ווערט דער פרעגצייכן,
און גרעסער ווערט דער סוד.

זיץ איך ביי די רעגנבויגן־טויערן
און טראַכט:
ווו איז פרייד פאַראַן —
נישט אויסגעטרויערט?
ווו איז גליק פאַראַן —
נישט אויסגעחלומט?
וואָס'ער ליבע גייט נישט אום אין בענקשאַפט?
וואָס'ער פרידן קומט נישט נאָך אַ שטורעם?
העגנענדיקער נעפּל איז דאָס ליכט פון ערב אויפגיין;
קלאַנג פון גאָלד איז ריינער פונעם גאָלד אליין,
און וויין־באַרוישונג — זיסער פונעם וויין...
ווי איז, ווי דער טרוקעניש,
אויף גומענס, ווי מדבריות!
ווי, ווען ליפּן דורשטן נישט
די זאַפּטן פון דער בליאונג!
ווען די אויגן בליצן נישט מיט פייער פון באַגערן;
ווען דאָס האַרץ צעזינגט זיך נישט
אין זוניקער דערהויבונג,
און דער דמיון טראָגט נישט
אויף די פליגל פון צעשטראַלונג.

זיץ איך ביי די רעגנבויגן־טויערן
און, טראַכט.

אזאַ מחנה

ניִשט פון איין טאַטן און ניִשט פון איין מאַמען —
פאַראַן אַזאַ מחנה פאַראיינזאַמטע ברידער,
וואָס טראָגן זיך אום, ווי מאַטראָזן אויף ים׳ען —
מיט תּפילות און ווייטע צעציטערטע לידער;

מיט זיי זענען פול אַלע הייכן און טיפן,
די איינגענג ביי יעדן געבעט-הויז, פאַרנומען;
מיט זיי זענען פול אויף די ים׳ען, די שיפן,
וואָס בלאָנדזשען און קאָנען אינערגעץ ניִשט קומען;

אַ מחנה, וואָס איז שוין אַריבערגעגאַנגען
די גרענעצן אַלע, די בראַנדיקע טוירן;
אַ מחנה, וואָס ציט זיך מיט בענקשאַפט-געזאַנגען,
און גייט אַזוי, זינגענדיק, הפקר פאַרלוירן.

צער

אַזוי פיל צער פאַראַנען אויף דער וועלט,
אַזוי פיל צער! —
עס שמייכלט אים אַנטקעגן, קרענקלעך־בלאַס —
די פרייד, —
ווי ס׳לעבן שמייכלט מיט הכנעה
צו איר האַר — דעם טויט,
וואָס בליט אַרויס פון מינדסטן גרעזעלע,
פון קלענסטן קווייט.

אַזוי פיל צער פאַראַנען אויף דער וועלט,
אַזוי פיל צער,
אַז — אין לשער!

ווען...

ווען כ׳זאָל קאָנען, וואָלט איך פּונעם לעבן
נישט מוותר־זיין אַ האָר נישט.
איך וויל אַלץ! —
כדי נאָך זיך צו לאָזן גאָרנישט.

אויפן וועג פון ליבע — מעק איך פון די לוחות אוים
דאָס וואָרט: מען טאָרנישט
און — זאָל זיין מיט גליק —
ווער ס׳גייט מיט אומשולד־סטעזשקעס —
צום געזונטסטן קוואַל פון זינד,
וואָס ברענגט דער וועלט דאָס קדושה־קינד.

פון וואַלד

ווי בלאָע בלימעלעך פון קאָרן —
קוקן פון אַ וואַלד אַרויס די יוגנט־יאָרן —
פול מיט בענקשאַפט און באַדויער, —
כאָטש אַ וואַלד האָט אויך זיין אומעט,
כאָטש אַ וואַלד האָט אויך זיין טרויער, —
האָט מען דאָך צו וואַלד געצויגן,
און צו אים פון ווייט געגאַנגען,
און געלאָזט פון אים זיך כאַפן,
און געלאָזט פון אים זיך פאַנגען,
און פאַרוואָרפן איבער זיך זיין גרינע נעץ:
דעם וואַלד־געשפאַן;
געלאָזט זיך פירן און פאַרפירן
און אַוועקפירן צו „פאַן"
דעם וואַלד־מלך,
וואָס האָט אויף יעדן בוים געוווינט,
אין גרין — געקליידט,
מיט גרין — געקרוינט,
אויף גרין — גערוט,
אויף גרין — געוואַכט
ביי יעדן שטילסטן וואַלד־פאַרדאַכט,
געהאַלטן ביימער, ווי צעשטעלט
אויף שמירה — פאַר דער דרויסן־וועלט,
וואָס שטערט אים שפּילן אויף זיין גרינער פלייט —
דאָס יוגנט־ליד פון אומפאַרגענגלעכקייט...

ווי בלאָע בלימעלעך פון קאָרן —
קוקן פון אַ וואַלד אַרויס די יוגנט־יאָרן.

מיט זיך

איינזאַם און מיט זיך אַליין־זיין —
קאָן מען אויך אויף אַ יאַריד,
נאָר מען דאַרף חוץ איינזאַם — ריין־זיין,
ווי אַ גוט־געשליפן ליד;

און מען דאַרף אויך זיין אַ גאַנצער,
ווי אַ קערן אין דער שאָל,
אַז עס זאָל ווי פון אַ פאַנצער
אָפּשפּרינגען אַפילו שטאָל.

מיטן שטראָם

מיטן שטראָם פון לעבן
איז אַזוי, ווי מיטן שטראָם פון אַ געוויסער:
אַלץ וואָס ליגט פון אויבן־אויף,
ווי שטויב אויף יעדע אויבערפלאַך;
אַלץ, וואָס לייכט איז, ווי די קאָרע
פון אַן אויסגעהוילטן בוים;
אַלץ, וואָס ווערטלאָז איז
און מיסטיג ווי דער אָפּפאַל;
אַלץ, וואָס שווימט אַרויף, אַרויף,
ווי בוימל אויפן וואַסער;
אַלץ, וואָס שלאָגט קיין וואָרצלען נישט —
ווערט מיטגעריסן מיט איעדן שטראָם.

קלאַנגען־טויכער

מיט עפּעס במחשבה זיך פאַרגאַנגען —
לאָזט ער ווי אַ שווימער זיך אַוועק,
אַוועק אין ים פון טענער און פון קלאַנגען,
קלאַנג פון דינסטן ציטער און באַוועג.

דער ים פון קלאַנגען רייך איז אומגעהויער,
רייך פאַר די, וואָס שווימען אים אַדאָרך,
מיט זייער פּילבאַר־דינער נעץ — דאָס אויער,
ס'אויער, וואָס אַליין איז בלויז געהאָרך;

איז בלויז געהער אין אַלע, אַלע ספערן
ווו נישט אַלעמענס געהער דערגייט —
צו קאָנען הערן דאָס געקלאַנג פון שטערן,
און ס'געקלאַנג, וואָס לייזט זיך אויף אין טויט.

*

לידער זענען קינדער פון באַרוישונג,
פון אַ שכרות, וואָס זי מאַכט דערהויבן;
שווער איז, שווער צו זינגען אין אַנטוישונג —
אויסגעליידיקט ביזן לעצטן גלויבן.

ס'האַרץ איז ווי אַ ברונעם: טיף און שטראָמיק,
פול — אויף קומען שעפּן פון אים, פריידיק,
און נישט איינמאָל — פּחדימדיק, תהומיק,
ביז צו יאוש אויסגעטרוקנט, ליידיק.

אַ דיכטער — אַ קינד

אַ דיכטער איז אַ גרױס קאַפּריזנע קינד,
װאָס איז נישט שטענדיק און נישט יעדן צום פֿאַרשטײן;
אַ קינד, װאָס טרעפֿט נישט אײנמאָל, אינדערבלינד —
װוּ זעעװדיקע װעלן נישט דערגײן.

און װי אַ קינד — קאָן זײן אַ דיכטער מילד,
װי אײנגענומען אין דער בלאָער װיג פֿון טרױם;
און װי אַ קינד — קאָן זײן אַ דיכטער װילד,
און װי געבונדן — רײסן זיך פֿון צױם.

אַ דיכטער־קינד איז אױך פֿאַרשפּילט אַ סך,
פֿאַרשפּילט מיט װאָרט, פֿאַרשפּילט מיט פֿאַרב און קלאַנג,
מיט ליד־געבױ, װאָס הײבט זיך אָן פֿון דאַך —
אױף זײלן פֿון געפֿיל און פֿון געדאַנק.

און װי אַ קינד — קאָן אױך אַ דיכטער װען
צעשטערן, װאָס ער האָט געבױט ביז װערן מיד,
און אױך, נישט יונג — נאָך אַלץ זיך יונג צו זען,
נאָך אַלץ בײם אָנהײב פֿונעם ערשטן ליד.

ס'האָט יעדער זיין וועלט

ס'האָט יעדער זיין וועלט אָדער וועלטל,
וואָס ער נאָר פאַרנעמט און באַלעבט עס,
וואָס ער נאָר פאַרשפּינט און פאַרוועבט עס
מיט פעדעם פון הארץ און פון רעיון,
מיט פעדעם פון פאַרביקסטן חלום,
וואָס דאַרף פון דער וואָר אונדז באַפרייען,
די נאַקעטע וואָר, די נישט שיינע,
פון וועלכער ס'וויל יעדער אַנטרינען
און לאָזן באַדיי ווי אַ קינד זיך —
מיט חלום־געוועבן פאַרשפּינען.

האָט יעדער זיין וועלט אָדער וועלטל
ווו ער נאָר איז האַר און געביטער,
ווו ער נאָר איז זאַמלער און היטער
אויף זיינע פאַרבאָרגענע וועגן,
אויף וועלכע אַ מענטש גייט אַ לעבן —
דעם טויט, ווי אַ בלינדער, אַנטקעגן.

מײַנע לידער, מײַנע קינדער

מײַנע לידער זענען מײַנע קינדער,
וואָס פֿאַרלאָזן זייער שטאַרבנדיקער מאַמען;
ווען די שעה מײַנע, די לעצטע, שלאָגן —
וועלן זיי אַוועק מיט מיר צוזאַמען.

לעב איך — לעבן זיי אין זכות אין מײַנעם,
זענען זיי בײַ מיר דער אויגנאַפּל;
וועלן זיי פֿאַרלירן מיך — איז ווער זשע
וועט דערנאָך זיך זײַן מיט זיי מטפּל? —

אַז זיי זענען אויך צעווישן אייגענע,
צעווישן ייִדן — פֿרעמדלעך און נישט גערן,
ווײַל זיי זענען אַ דערמאָנונג וועגן טרויעריקס,
וואָס וויל פֿאַרגעסן־ווערן;

ווײַל זיי זענען ייִדישע, די לידער,
וואָס דער פּײַן און לייד האָט זיי געבוירן
און פֿון הענט פֿון ווינטיקע —
ווי קינדער זיי פֿאַרלוירן,

און געמאַכט פֿון יעדן ליד מײַנעם —
אַ ווינטיק־ווײנענדיקן ניגון,
וואָס וועט אָפּשטאַרבן מיט מיר אינאיינעם,
אָפּשטאַרבן און — בלײַבן טויט־פֿאַרשוויגן.

פונעם זעלבן מחבר — דערשינען:

סערגיי יעסענין (געקליבענע לידער)	וואַרשע,	1933
מן הטנא (שירים)	תל־אביב,	1944
געקליבענע לידער (פון היים, בונט, קריג און חורבן)	ניו־יאָרק,	1947
אַן עלנד הויז (דערציילונגען)	תל־אביב,	1950
פרוכט פון ווינט (געקליבענע לידער)	יאָהאַנעסבורג,	1952
מיין שיר השירים (לידער פון ליבשאַפט)	תל־אביב,	1953
דאָס לאַנד פון צווייטן בראשית (לידער און פּאָעמען)	תל־אביב,	1954
היימישע און נאָענטע (דערמאָנונגען)	תל־אביב,	1958

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגענדע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין גערוואַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאַקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאַקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד־העם
עזרא קאַרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
דוד זאַקאַליק	גערוואַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפער	ר׳ זלמן

א. שטיינבאַרג	משלים
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער — עסייען
ד״ר ח. שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
משה ווײַסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראַנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָאַזיס — לידער
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט,
א. אליצקי	מיין האַרץ־רייזע — לידער
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
נ. דרוזדוב	יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75טן יובילעום

אין עברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פּאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס